STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10792

GEKLIBENE VERK

Itzik Fefer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. פעפער

געקליבענע ווערק

מעלוכע פארלאג פון אוקראינע

У.С.Р.Р.
ДЕРЖАВНЕ ВИДАВНИЦТВО

איציק פֿעפֿער

וועגן זיך און אזוינע ווי איך

די זון האָט זיך טונקל געסמאַלעט
מיט ווערבעס באַ קאַנטן פון וועג;
ס'איז צעוואָרפן אַ שטעטעלע שפּאָלע
מיט שטיבלעך, מיט מענטשן און טעג.

מיין טאַטן־יערושע פאַרבליבן
פיר ווענט מיט אַ שטרויענעם דאַך,
ווי אַנדערע שטיבלעך אַ שטיבל,
באַ אַ שטויביקן שליאַך.

אין אַ טאָג, אין אַ פראָסטן אָן וווּנדער,
אין אַ בעט, אַף אַ ציצענער ציך,
גלייך מיט אַנדערע קינדער
האָט מיין מאַמע געבוירן מיך.

מיר דאַכט, איך געדענק נאָך איצטער
מיין קינדערשן ערשטן געשריי;
מ'האָט באַשטימט איך זאָל הייסן איציק
און געפּויעט מיט זיסער טיי.

איך האָב קיינמאָל ניט געבלאָנדזשעט
אין מיין קורצן שמייכלענדיקן לעבן.
לאַכט אין מיר מײַן האַרץ, ווען איך דערמאָן זיך,
אַז איך טראָג אַ נאָמען נאָך אַ רעבן.

נאָך דעם הייליקן רעבּ איציקל פון סקווירע
האָט געוואָלט מיין זיידע איך זאָל הייסן,
איך זאָל דאַוונען און זינגען זמירעס
און צו טון האָבן מיט טפילן און טאַלייסים.

איך זאָל זיין דער גרעסטער גוויר אין שטעטל
און מײַן ווײַב זאָל זײַן די גרעסטע באַלעבאָסטע.
האָבן טעג מיט נעכט זיך וואָכעדיק געביטן
און געשווימען זײַנען יאָרן פּראָסטע...

האָט די זון געבענטשט מײַן לײַב מיט בראָנזע
און מיט שלאַכטן און מיט לידער רינט מײַן לעבן.
לאַכט אין מיר און קאָכט, ווען איך דערמאָן זיך,
אַז איך טראָג אַ נאָמען נאָך אַ רעבן.

מײַן היים מיט קײן שלאָס ניט פֿאַרשלאָסן,
ניט פֿאַרדרײט מײַנע טירן מיט דראָט;
זון האָט זיך וואַרעם געגאָסן
אַף מײַן קאַלטער פֿאַרלאָזענער שטאָט.

כ'בין אוועק,
און פֿון דעמאָלט איז קײנמאָל
מײַן טראָט ניט געוואָרן ווי פֿריער,
אַלע נאַכט גיסט זיך שוואַרצקײַט אין קוימען,
אַלע טאָג וואַרט אַ אָוונט אַף מיר.

ווי אַנדערע שטעטלשע ייִנגלעך
אַוועק מיט ווינטן און טעג;
ווען דאָס בלוט איז פֿריש אין יונג נאָך
איז פֿריש און יונג דער וועג.

זוכט מיך טאָג אַ שטילער און אַ מידער,
זוכט אַ שוואַרצינקן, אַ שטילן;
אָן אַ קאָלדרע, אָן אַ ברודער
שלאָפט אין פעלד מײַן הייסער ווילן.

דרימלען ערדן ניט געאַקערט,
דאָרשטן פעלדער הויל נאָך זאַנגען,
פליט מיין ווילן ווילד און נאַקעט
אַף די רעלסן אַף די לאַנגע.

יאָגט אַ צוג מיט רויטע אויגן
איבער ווײַטן, ווײַסן מעהאַלעך,
ליגט מײַן שטעטל אויסגעצויגן
אין אַ לײַלעך.

זוכט מיך טאָג אַ שטילער און אַ מידער,
זוכט אַ שוואַרצינקן, אַ שטילן;
אָן אַ קאָלדרע, אָן אַ ברודער
שלאָפט אין פעלד מיין הייסער ווילן.

צווישן היים און וועג בין איך,
צווישן מיר און וועג — מײַן פערד;
און די פיס זײַנען גרינג און גיך,
און גרייט איז מײַן זאַק און שווערד.

איז דען אַ וווּנדער, וואָס איך יאָג גלײַך
און מײַן לײַב איז פעסט און שלאַנק,
איך האָב פאַרלוירן אַזאַ גרויסן שליאַך,
און ס'טוט מיר ניט באַנק.

אַלע טאָג אַן׳אַנדער היים,
און ס'איז וואַרעם און גוט און ליב, —
נעכטן אין סטעפּ אַף אַ שטיין,
הײַנט אין אַ פויערשער שטוב.

ווײַל צווישן היים און וועג בין איך,
צווישן מיר און וועג — מײַן פערד,
און די פיס זײַנען גרינג און גיך,
און גרייט איז מײַן זאַק און שווערד.

געגאַנגען טעג און נעכט געגאַנגען,
אַ נאַכט אין דאָרף אַ נאַכט אין טעפּ;
מיט שווערע פאַסן בליי באַהאַנגען,
מיט פרישן רויך אַף הויכע קעפּ.

נאָר וועג ווערט פריש און שטויביק־בלויער,
און ערד איז ווייך פון נאַכט און טוי;
ס׳איז גוט, וואָס כ׳האָב מײַן יונגן טרויער
צעזייט אין וועג, אין פעלד, אין שטרוי.

ס׳איז גוט, ווען יעדער אָטעם פרייט זיך
מיט פרישן גאַנג אַף שווערן וועג,
וואָס כ׳האָב אין לײַלעכער פון ווייצן
צעווייט אַזוי פיל יונגע טעג.

זיי וואַרטן צעוואָרפן אַף שניי
מיט ביקסן אין הענט,
באַוואַקסן מיט אומעט און קויט —
מיר פאָרן, מיר פאָרן צו זיי,
מיר פירן זיי קוילן און ברויט.

ס'שיט און ס'שיט ,און ס'שיט,
און צוג האָט פאַרלאָרן דעם וועג
און שטייט;
מיר שטייען שוין עטלעכע טעג,
און שאַרן, און שאַרן דעם שניי;
ווער ווייסט, אַז מיר זײַנען אין וועג,
אַז מיר בלאָנזען שוין עטלעכע טעג,
אַז מיר פאָרן און פאָרן צו זיי.

אַף פאַרלאָשענע ווערסטן פון נאַכט,
באַ פאַרלוירענע רעלסן אין ווײַט
עמעץ גייט
מיט פאַרדרימלטע טריט.

און סע שנייט,
און סע ווייט,
און סע שיט,
און סע שיט,
און סע שיט —
ווער-זשע גייט?
וואָס־זשע ברענט?
ווער-זשע שאַרט אינדערפינצטער דעם שניי?
מיר פאָרן, מיר פאָרן צו זיי!

ווינטער און ווינטער און שניי,
צוג מיט צעלעכערטן דאַך;
אַף קויטיקן היי
איך מיט קיטײַצעס אַסאַך.

שווײַגן מיר אַלע, ווי ווענט,
שווײַגן פֿאַרגראָבן אין קויט.
האָבן נאָך פֿײַנט ניט פֿאַרברענט
מײַן דאָרף און מײַן ברויט.

זוכט אַ קיטײַעץ אין העמד,
זוכט און געפֿינט,
ליג איך אין ווינקל פֿאַרקלעמט,
מיט נאַכט און מיט ווינט.

פֿעלדער און פֿעלדער און וואַלד,
ווינטן און ווינטער און שניי,
וווּ נעמט מען אַ שטילן וואָקזאַל
דערוואַרעמען טיי?

יאָגט ער, דער צוג, איבער שניי,
יאָגט מיט צעלעכערטן דאַך;
אַף צעטראָטענעם היי
איך מיט קיטײַצעס אַסאַך.

זיינען טויערן מער ניט פֿאַרשלאָסן,
ווי געגעכטיקט אַ דאָרט ניט געטאָגט;
האָט אַזוי דען מײַן זיידע געשאָסן,
האָט אַזוי דען מײַן טאַטע געיאָגט?

ערשט געווען דאָ און מאָרגן פֿאַרגעסן,
און קײַן סימען האָט דאָ ניט פֿאַרבליט;
איך האָב ליב ווען ווינטעלעך טעסען
מײַנע שטענדיקע דאָרשטיקע טריט.

האָט מײַן היים זיך אין ווערסטן פֿאַרלאָרן,
און מײַן גאַנג איז מיט אומרו פֿאַרדרייט,
ווײַל דער וועג איז מיט טויזנטער יאָרן
מיט טויזנטער יאָרן פֿאַרווייט.

גאַסן

און גאַסן,
און מויערן
צעוואָרפֿן אַף פֿעלד פֿון טאָג.
וויפֿל דאַרף נאָך געדויערן
מיר זאָלן זײַן אַף יעדער שטאָק?

טראַמווײַען װעלן ניט פֿירן
אין אַזוינע צעבויטעטע טעג,
איז װיפֿל װאַרעמע טירן
װאַרטן אַף מיר אין װעג?

מיר װעלן
אונדזערע טריט
צעשטעלן
באַ יעדער אָפֿענער טיר;
מיר איז פֿראָסטקײַט פֿון טויט געפֿעלן,
װאָס קאָן זײַן פֿראָסטער פֿון מיר?

האַנט צו האַנט און פּלייצע צו פּלייצע,
פוס צו פוס און שינעל צו שינעל, —
אונדזער ערד איז אַ פרישע און ווייצענע,
אונדזער הימל איז רויכיק און העל.

באַהאַלטן די קעפּ אין די אַקסלען
באַ אַלעמען דרימלען די פיס,
אַף פעלדער מיט מענטשן באַוואַקסענע,
ליג איך און שיס.

מ'וועט ברענגען ברויט, וועט מען עסן,
ניט ברענגען — עסן מיר ניט,
מיר האָבן שוין שלאָפן פאַרגעסן,
מיר האָבן פאַרגעסן זײַן מיד.

אונדזער ערד איז אַ פרישע און ווייצענע,
אונדזער הימל איז רויכיק און העל;
האַנט צו האַנט און פּלייצע צו פּלייצע,
פוס צו פוס און שינעל צו שינעל.

דאָס פעלד האָט לאַנג פאַרגעסן שוין פון לידער,
און שניטער רײַטן אום מיט שווערדן אין די הענט;
איך בלאָנקע אום אין פעלד און זוך מײַן ברודער,
איך בלאָנקע אום אין כורוועס און אין ווענט.

אין הוילער הויך פאַרלאָזטע רויכן שוימען,
אַכט טעג אין פעלד אין פלאַקער און אין שלאַכט,
אַלע שכײנים זײַנען שוין אַהיים געקומען,
אַלע טויטע האָט מען שוין געבראַכט...

איך לויף אַרום אין פעלד און זוך מײַן ברודער,
אין פעלד איז רויכעריק און פרעמד,
איך פאַל צו רויטע ערדן צו אַ מידער,
און קוש אַ בלוטיק לײַווענטענעם העמד...

דאָס פעלד האָט לאַנג פאַרגעסן שוין פון לידער,
און שניטער רײַטן אום מיט שווערדן אין די הענט;
איך לויף אַרום אין פעלד און זוך מײַן ברודער;
און קוש אַ בלוטיק לײַווענטענעם העמד....

I

באַ באַרגישע טיפֿן
מיר האָבן צעוואַלגערט זיך
צוויי הונדערט גופֿן
מיט דאָרשטיקע שווערדן
און פֿאָכנדע אויגן.

— — — — —

צי זײַנען די שפּיזן ניט שטומפּיק,
צי איז אונדזער קויל ניט דערפֿלויגן?

— — — — — — — —

מיר האָבן קײַן צײַט ניט צו פֿרעגן,
מיר דאַרפֿן ניט וויסן;
מיר האָבן ערשט נעכטן אַ אָנפֿלי פֿאַרוואָסן
צעשאָסן,
צעריסן!...

II

קײַן הימל, קײַן װעלטן,
נאָר רױכן און קײטן און קײטן,
נאָר פײַער און קױלן פֿאַרשלינגען
צעבױערטע ברײטן.

— — — — — — — —

דורך זיפּן, װאָס האָבן פֿאַרצױגן די שאָען
בײַ באַרגישע טיפֿן,
פֿאַרבלוטיקע פּערל
מיר טריפֿן
און טריפֿן...

טאָג!
נאָכוואָס האָסטו מיך הײַנט
גערופן,
אַף וואָס האָסטו מיך הײַנט באַדאַרפט?
איך שטיי
מיט מײַנע פרײַנט
אין גראָוון טאָל
מיט שווערדן שאַרפע
גרייט
אונטער די בערג צעוואָרפן און צעזייט,
אין קייטנדיקע רייען
צעוואָרפן און צעזייט;
און מאַכנעס, פרעמדע מאַכנעס,
ווי די וואָלקנס
גייען
פון הויכן באַרג אַראָפּ אַף אונדז
אין טאָל
צו אונדז אין אָט־די טיפן.
טאָג!
נאָכוואָס האָסטו מיך הײַנט גערופן?

שווימען ראַדיאָס מידע אַף מידן פאַרדרימלטן דראָט,
טראָגן ווינטן אַוועק שוין דעם לעצטן צערודערטן טומל,
גייען ליידיקע לעצטע טראַמוואַיען אַוועק פון דער שטאָט,
איז אַף גאַסן געבליבן די נאַכט און דער שטיינערנער הימל.

שטייען סטויפּעס אַף גאַסן מיט טונקעלן פאַרדרימלטן דראָט,
נאַכט איז פאַרפּלאָנטערט אין גאַסן, אין סטויפּעס, אין שטאָקן.
פון אַלע פיר זײַטן באַשיסט מען די שטאָט.
ברענט די שטאָט,
ליגט די שטאָט אַף די גאַסן פאַרשטיינערט,
געליימט און צעשראָקן.

אַף די גאַסן קײַן וועכטער, קײַן טראָט ניט, קײַן טיר.
קײַן רײַטער. קיין מענטש ניט. נאָר שאָטנס
צעשראָקענע לויפן,
נאָר אַ ווינט, אַ פאַרוויכערטער ווינט יאָגט
לעם יעטווידער טיר,
און אַ נאַכט, אַ מעשוגענע שיקערע נאַכט פליט
איבער פינצטערע הויפן.

און ווײַט אונטער שטאָט, אונטער בערג
אין אַ גרויזאַמן טאָל
ליגן צעשלײַדערטע לײַבער, פֿאַרבלוטיקטע לײַבער
און שיסן;
דאָרט שלאָגן זיך פֿאָלקן, דיוויזיעס פֿאַר שוואַרצער
צעשראָקענער שטאָט.
ווייסט קיינער ניט, ווען ווערט מאָרגן די שטאָט,
די באַפרײַטע באַגריסן.

די שטאָט איז צעשפּאָלטן אַף צווייען, אַף דרײַען,
אַף צענטן — און וואָרט,
ווער האָט ווען געטויט; ווער האָט ווען צעקלאַפּט;
ווער האָט ווען געפֿאַנגען;
ווען ווערט ברענגען פֿון טאָל און פֿון פֿײַער
די שיקערע נאַכט,
און ווען און וואָס וועלן מאָרגן דערציילן די דראָטן
אַף בלוטיקע שטאַנגען.

שווימען ראַדיאָ'ס מידע אַף מידן פֿאַרדרימלטן דראָט,
טראָגן ווינטן אַוועק שוין דעם לעצטן צערודערטן טומל,
גייען ליידיקע לעצטע טראַמוויען אַוועק פֿון דער שטאָט,
איז אַף גאַסן געבליבן די נאַכט און דער שטיינערנער הימל.

שטאָט איז געפֿאַלן,
שטאָט איז געפֿאַלן,
ווערן נאָך ווילדער
די שוואַרצע וואָקזאַלן.

לעשן זיך פֿענצטער אַף העכערע שטאָקן,
טירן פֿאַרשלאָגן און הויפֿן פֿאַרשפּאַרט.
שטאָט איז געפֿאַלן, שטאָט איז צעשראָקן,
שטאָט איז צעוואַלגערט אַף פֿלעצער פֿון נאַכט.

מיר זײַנען געקומען די הויפֿן באַפֿאַלן,
מיר זײַנען באַלאָדן מיט באָמבעס און פֿײַן,
מיר זײַנען געקומען פֿון ווילדע וואָקזאַלן
אַף שטאָקן, אַף שטאָקן, אַף גאָלד און אַף ווײַן.

קלינגען די פֿענצטער אַף העכערע שטאָקן,
טופּן אַף גאַסן נאָך ווילדער די פֿערד.
שטאָט איז צעהוידעט, שטאָט איז צעשראָקן,
אַ פֿאָלק איז צעהוליעט — אַ פֿאָלק איז גערעכט.

קלינגען אָפּ ווײַטע טעג, ווי שראַפּנעלן,
ענער וועג איז פֿאַרפֿרוירן און לאַנג,
אונטער רוסישע האַרטע שינעלן
טוט קיינמאָל און גאָרניט ניט באַנק.

געדענק איך צעשראָקענע הויפֿן,
צעוואַלגערטע שטאָטישע ווענט,
און מײַן צוג איז ניט נימעס צו לויפֿן —
דער שנייקער וועג איז באַקענט.

ווערן פעלדער אי קעלטער, אי טונקלער.
ווערן פענצטער באַדעקט מיט יאַנוואַר,
ליג איך אין פינצטערן ווינקל,
און דערויכער אַ לעצטן ציגאַר.

ניט אומזיסט זײַנען וועגן פֿאַרלאָרן,
און הײַזער און ברויטן פֿאַרברענט, —
אין רויך פון פֿאַרגאַנגענע יאָרן
הייב איך אוף מײַנע גלויביקע הענט,

און דערמאַן די צעשראָקענע הויפֿן,
די ווילדע, די רויכיקע טעג,
ווײַל מײַן צוג איז ניט נימעס צו לויפֿן,
מײַן צוג איז אין וועג.

װעט דער צוג אונדז דען פֿאַרנעמען,
װעט דער צוג אונדז דען דערפֿירן,
װען און װוּ און װער פֿאַר װעמען
האָט דאָ אױסגעהאַקט די טירן?

קומט אַ צוג אָן פֿון אוקראַיִנע
מיט קאַצאַפּעס און טשערקעסן,
קומט אַ צוג מיט ברידער מײַנע,
שטײט אַ צװײטער צוג פֿאַרגעסן.

גײען טעג, װי אַלטע צוגן,
יעדער טאָג האָט טױזנט טירן,
װעט דער צוג אונדז דען פֿאַרנעמען,
װעט דער צוג אונדז דען דערפֿירן?

גרױע ברידער הױל און באָרװעס,
װען און װוּ און װער פֿאַר װעמען?
בלײַב איך אױך מיט זײ אַף כורװעס
ביז אַ צוג װעט אונדז פֿאַרנעמען.

האָב איך ליב ווען ווינטעלעך שטעפּן
שטילע פֿאַרכאָלעמטע בלוי,
כ'וויקל זיך צונויף ווי אַן עפּל,
און דרימל זיך שטיל לעם אַ פּלויט.

וויס איך, אַז באַלד וועט מען וועקן,
נאָר גרינג איז און ליב איז מײַן שלאָף.
שווימען פֿון אַלע פֿיר עקן
וואָלקנס, ווי אַלטע שאָף.

ווען בלוי איז צעוויט איבער הײַזלעך,
איבער בערגלעך פֿאַרגעסענעם מיסט,
וועט קיינער קײַן וועג מיר ניט ווײַזן,
נאָר גיכע ציגײַנערשע פֿיס.

לעם מײַן פענצטער װײַען טעג און װײַען,
אַלע טאָג װערט גרויער מײַן אַנטקעגנדיקער דאַך.
װען־זשע, װען־זשע װעט מען װידער גײן,
גײן װײַט און זינגען אַפּן שליאַך?

לויפֿן מענטשן בלייכער און שטילער,
יעדערער צום אייגענעם געצעלט.
װוּ־זשע איז דער טאָג, דער רויכיקער און דולער,
דער טאָג פון קוילן און פון פעלד?

איך בענק, איך בענק נאָך רויכנדיקע װעגן,
געװאַשענע מיט סוינעס רויטן בלוט,
איך בענק נאָך יענעם פײַערדיקן רעגן,
װאָס האָט אַף פעלדער קיינמאָל ניט גערוט.

לעם מײַנע פענצטער װײַען טעג און װײַען,
אַלע טאָג װערט גרויער מײַן אַנטקעגנדיקער דאַך.
װען־שוע, װען־זשע װעט מען װידער גײן,
גײן װײַט און זינגען אַפּן שליאַך?

טעג פון פראָסטן וווּנדער

אף צעוואָרפּענע וועגן און שוועלן
שטייען היטערס
מיט שווערדן צעשטעלט.
אוי, איר קויטיקע, גראָווע שינעלן
אף א האַרבסטיקן פעלד.

ניט קיין כאַלעם פון גאָלדענע ווייצן,
ניט קיין כאָלעם
פון כאָלעוו אודוואָש,
נאָר באָרוויסע רויטע אַרמייצעס —
דאיאָש!
דאיאָש!
דאיאָש!

שטייען לענדער אַף קניען געבויגן,
שטייט אַף קניען צעשראָקן די ערד
פאַר גראָווע,
פאַר דאָרפישע אויגן,
פאַר רוסלאַנדס
פאַרהונגערטע פערד!

די שלאַכט האָט זיך געענדיקט.
אַ שטילער ווינט
צעטראָגט דעם רייך פון בלוט
און ווײנט און ברומט.

היי, הינט, היי, הינט, היי, הונגעריקע הינט,
דאָס פעלד איז גרייט,
ס'איז אײַערס —
קומט!

צעוואַלגערטע אָן היימען און אָן היטער
וואַרטן לײַבער, הענט און קעפּ.
ווער טרעפן דען א הער א ברודער צי א מוטער
אין פרעמדן לאַנד, אין רויכערדיקן סטעפּ.

היי, הינט, היי, הינט, פאַרהונגערטע און בייזע,
אַהער, אהער! פאַרענדיקט איז די שלאַכט,
ס'איז דאָ געגוג דאָ בלוטיקער געמייזעכץ
אַף שוואַרצע ווערסטן פון דער נאַכט.

אַף פעלדער, אין פרישן, אין בלייִקן קאָרן
האָט עמעץ א פערד, א נעווילע פאַרלאָרן —
א נעווילע פאַרלאָרן.

איז פון פערד, וואָס האָט שטענדיק געיאָגט און געאַקערט,
געבליבן די פעל און דער ביינערנער נאַקעט—
דער ביינערנער נאַקעט.

און אין שאַרבן, אין פעל און אין בלוטיקן עקל
האָט געפוילט א קאַרטוז מיט א לעדערן רעקל —
א לעדערן רעקל.

איז געקומען א מענטש פון דער שטאָט און פאַרשריבן,
וואָס איז פון פערד און פון רײַטער געבליבן—
פון רײַטער געבליבן.

זאָל דער רעגן ניט וואַשן און די זון זאָל ניט בראָטן,
האָט דער מענטש מיט א שטעקל פאַרשאַרט און פאַרשאָטן —
פאַרשאַרט און פאַרשאָטן

אַף פעלדער, אין פרישן, אין בלייַקן קאָרן
איז א רייַטער, א צווייטער פאַרדרימלט געפאָרן —
געפאָרן.

קומען אָן פון די בוימער אי קראָען, אי ראָבן,
קומען הינט פון די דערפער און שמעקן און גראָבן —
און גראָבן.

קומען טעג, גייען נעכט,
שווימען שטילע מעסלעסן —
מ׳האָט שוין לאַנג אינעם פערד און אין רייַטער פאַרגעסן —
לאַנג שוין פאַרגעסן.

ווען מיין שאָכן איז געגאַנגען אַפן שלאַכט,
האָבן אַלע שכיינעס אַף אַ גרוס געוואַרט,
אַף אַ גרוס געוואַרט —
און קיין גרוס האָט קיינער ניט געבראַכט.

האָבן קלאַנגען אין דער געגנט זיך פאַרשפּרייט,
אַז דער שאָכן איז אַף שלאַכט־פעלדער געטויט,
אַף שלאַכט־פעלדער געטויט, —
האָבן שאָכנס סאָנים זיך געפרייט.

האָט דער שאָכן זיך צוריקגעקערט פון שלאַכט,
איין אויג אָפן און דאָס צווייטע איז פאַרמאַכט,
דאָס צווייטע איז פאַרמאַכט,
און זיין קערפּער האָט מען אַף אַ טאַטשקעלע געבראַכט.

פרעגט זיין ווייב אים פונם ווייטן לאַנד —
זיינען ליפּן זיינע שטום און קאַלטע ווי די וואַנט,
קאַלטע ווי די וואַנט,
און אַ קויל האָט אים צעפּליקט אַ האַנט.

קומט א זון און קומט א צווייטער, קומען טוען זיך א נויג,
קומען טוען זיך א נויג —
ליגט מיין שאָכן אָן א האַנט און אָן אן אויג,
און מיט ליפּן קאַלטע ווי די וואַנט,
קאַלטע ווי די וואַנט,
ליגט און בענשט דאָס בלוטנדיקע לאַגר.

ווען מיין שאָכן איז געגאַנגען אַפן שלאַכט,
האָבן אַלע שכיינים אַף א גרוס געוואַרט,
אַף אַ גרוס געווארט
האָט דער שאָכן זיי אליין א גרוס געבראַכט.

טויטע גויעס אין שינעלן,
אויגן גרויע, שטיקער אייז,
אַף די העלזער ניט קיין קרעלן,
אַף די העלזער שנירלעך לייז.

ניט דערווארט זיך אַף קיין צוגן
טויטע גויעס אין שינעלן,
אָן פארנאכטן, אָן פארטאָגן
אויסגעוואַלגערטע באַ שוועלן.

גרויע רוסישע וואָקזאַלן
אין א ווינטער אין א העלן,
קלימקעס, זעקלעך, פעקלעך, שפאלן,
טויטע גויעס אין שינעלן.

אָן פארנאכטן, אָן פארטאָגן
אויסגעוואַלגערטע באַ שוועלן,
ניט דערווארט זיך אף קיין צוגן
טויטע גויעס אין שינעלן.

שוואַרצע פעלדער. קיין בליץ ניט, קיין דונער;
הימלען טויטע פון נאַכט און פון שרעק;
פרישער רויך פון פאַרשפעטיקטן זומער,
שוואַרצע מענטשן מיט דעמבלעך און העק.

שוואַרצע מענטשן פון פעלד און פון וואָגן.
ווער האָט מענטשן אַף פעלדער געבראַכט?
וואַרטן מענטשן בײַ רעלסן אַף צוג און
אַף נאַכט.

שוואַרצע פעלדער. קיין בליץ ניט, קיין דונער;
ווייטער פלאַם פון צעפלאַקערטע שטרוי;
פרישער רויך פון פאַרשפעטיקטן זומער,
און אַ מעגטשישער דונער: „סטאָי".

הימלען גייען פון שוואַרצקייט אריבער,
הימלען גייען אַריבער פון שרעק,—
ווער וועט גראָבן פאַר וואַנדערער גריבער?
ווער וועט שאַרפן פאַר רויבער די העק?

סטאַנציעס פאַרלוירענע, פעלדער פאַרפרוירענע,
פייַערלעך קויטיקע אַף שטויביקע ווענט;
אַלטע קאַלוגער פאַרהונגערטע פויערים,
מיט טיף און מיט ווײי און מיט קרעציקע הענט.

פאַרלוירענע סטאַנציעס אין לאַנד ניט געמאָסטענעם,
פאַרוואָלקנט, פאַרשאָטן מיט שנייען און קויט;
אַף צוגן צעבראָכענע, שנייִקע, פראָסטיקע,
פאַרפרוירענע פויערים מיט טאָרבעלעך ברויט.

צעשאָטן, פאַרהונגערט, פאַרגעסן אַף דעכער דאָרט,
אַף קוימענס, אַף בענק און אַף טרעפּ,
וועט צוג אַ צעשאָסענער, וועט צוג אַ צעלעכערטער
שנייַדן דעם פראָסט און דעם סטעפּ.

פון סטאַנציע צו סטאַנציע פאַרהאַקט זייַנען טירן,
פאַרשאָטן, פאַרלאָשן מיט שנייען און קויט;
פון סטאַציע צו סטאַנציע לויפן צוגן און פירן
פאַרפרוירענע פויערים מיט טאָרבעלעך ברויט.

הענגען אינדערלופטן טויטע בּריקן,
רויכערן זיך אַף די פּלעצער לעצטע ווענט;
ס'איז ניט לאַנג געגאַנגען דאָ דעניקין,
און געצונדן היַיזלעך און געבּרענט.

זיַינען פּויערים פון דערפער זיך צעלאָפן,
שטיַיע היים און קו און בּרויט פאַרלאָזט;
האָבן מיר די גרויע פּויערים געטראָפן
אין אַ וואַלד מיט הונגער און מיט פראָסט.

זיַינען פּויערים מיט אונדז אַהיים געגאַנגען,
אַהיים צו ווייך, צו פּעלדער און צו סטעפּ;
איז די זון ווי אַן אַלטע פאָן געהאַנגען,
און געוואַרעמט קאַלטע פּויערישע קעפּ.

אין שטאָט זייַנען שאַרפער די וועגן,
אין שטאָט זייַנען פעסטער די ווענט,
וויפל מענטשן איך האָב דאָ באַגעגנט—
זייַנען אַלע מיט פיס און מיט הענט.

אין שטאָט זייַנען מענטשן פאַרגרויטע,
יעדער האָט דאָ אַן אייגענע שוועל;
און דאָרט וויפל טויטע, געטויטע
האָט דער ווינטער פאַרלאָרן אין פעלד?

דאָרט וועט זיי קיינער ניט קלייַבן,
און קיינער ניט טראָגן אַהיים;
און שטיל וועט אַ ווינט פאַרשרייַבן
זייערע געמעלן אַף אַן אַלטן בוים...

ווייַל דאָרט זייַנען ברייטער די וועגן,
דאָרט זייַנען ווייַטער די ווענט;
ווייַל דאָרט האָבן קוילן גערעגנט,
און דאָרט האָבן הימלען געברענט.

גרעסער די שטאָט
איז גרעסער דער טומל,
גרעסער די שטאָט
איז קלענער דער הימל.

פונויבן איז דראָט;
פונונטן איז דראָט,
פונויבן איז הימל.
פונונטן איז שטאָט.

שפּאַנען מיר, שפּאַנען מיר,
שפּאַנען מיר גיך,
ענגלשע רעקלעך
דײַטשישע שיך.

דײַטשישע קוילן,
אַלעמענס ערד,
רײַטן און רײַטן
אַף אַלעמענס פערד.

אויבן איז דראָט,
אונטן איז דראָט,
אויבן איז הימל.
אונטן איז שטאָט.

וויפל מענטשן דאַרף מען נאָך אַ וועג באַווײַזן,
וויפל בלינדע בלאָנדזען נאָך אַרום;
שטייען שטעט געטאָקט פון שטיין און אײַזן,
און די מענטשן אַף די גאַסן זײַנען שטום.

וויפל מאַמעס, וויפל מאַמעס קלאָגן,
ליגט באַ יעדן ראָג אַ נאַקעט קינד;
ליגן נאַקעטע פאַרפרוירענע באַ ראָגן,
און די מענטשן אַף די גאַסן זײַנען בלינד.

שטייען שטעט געטאָקט פון שטיין און אײַזן,
און די מענטשן אַף די גאַסן זײַנען שטום;
וויפל מענטשן דאַרף מען נאָך אַ וועג באַווײַזן,
וויפל בלינדע בלאָנדזען נאָך אַרום...

איבער דערפער און שטעט זײַנען דראָטן צעצויגן,
איבער דערפער און שטעט זײַנען מענטשן צעשיט;
קומען נעכט פון דער הייך און פאַרלעשן די אויגן,
ליגן דערפער און שטעט פאַרהונגערט און מיד.

איבער דערפער און שטעט זײַנען ווערסטן פאַרלאָרן,
יעדער ווערסט ליגט פאַרדרימלט, און טרויערט און וואַרט
יעדער מענטש האָט אַ טאָרבעלע פריילעכע יאָרן,
יעדער מענטש האָט אַ טאָרבעלע מידקייט אַף נאַכט.

איבער דערפער און שטעט זײַנען וועגן צעצויגן,
גיכער מענטשן, אַף וועגן די הערצער צעשיט,
ס'האָבן אַלע אונדז מאַמעס געוויגט און געזויגן,
ס'האָבן אַלע אונדז זומערס און ווינטערס געפֿריט.

אין שטעט אין כאָרעווע בּאַ טויטע ווענט
אַזויפיל נאַקעטע וואַנדערער און קינדער,
נאָר הײַנט בּרעכט קיינער ניט די הענט,
און קיינער וואַרט ניט אַף קײַן ווּנדער.

ווען יעדער טאָג איז פראָסט און שטרענג,
און זון איז אַלע טאָג אַן אַנדערע,
איז וועמען קאָן נאָך זײַן אַף רוסלאַנדס פּלעצער ענג,
און ווער פונדאַנען וועט נאָך וועלן וואַנדערן?

הײַנט נעמען אַלע האַמערס אין די הענט,
און איך נעם אויך מײַן האַמער ווידער.
מיר גייען בּויען הויכע שטאָלצע ווענט
פאַר מײַנע באָרוועסע און פּראָסטע ברידער.

אין אָט דער צײַט, ווען פעלדער וויאַנען,
איז אומעטום אַ פרייד געווען;
אַף ברייטן פעלד, אַף ווײַטע באַנען
איז הײַנט נאָך יענע פרייד פאַראַנען,
וועןביימער בענקען נאָך דער זון.

פאָלק נאָך פאָלק איז מען געגאַנגען
און מ׳האָט געבליט, און מ׳האָט געברענט,
מיט פרייד פון בלוטיקע געזאַנגען;
מיט טויט אין ביקס און ביקס אין הענט
איז פאָלק נאָך פאָלק אין פעלד געגאַנגען.

ווו ס׳איז אַ וועג אין לאַנד פאַראַנען,
ווו כ׳בין מיט ברידערלעך געווען, —
סע זינגען שטעט, סע רוישן באַנען
אין אָט דער צײַט, ווען פעלדער וויאַנען
און ביימער בענקען נאָך דער זון.

אַף שליאַך פון פאַרגאַנגען,
אַף שליאַך פון פאַרגאַנגען
—צעבויטענע וועגן, פאַרסמאַלעטע ווענט
מיר זײַנען געווען דאָרט,
מיר זײַנען געגאַנגען
און ברויטן געטראָטן און דערפער געבערענט.

אַף פעלדער אַף פרײַע,
—ווו ס'בליען אין ווייצן באַרויִקטע טעג
דאָרט האָבן פאַרהונגערטע קויטיקע יאַטן
צום ערשטן באַטראָטן דעם גאָלדענעם וועג.

אין מאָכיקע דערפלעך
אין הילצערנע שטעטלעך,
—אַף בליענדע קאַנטן פון רוישיקן דניעפּ
איצט רײַסן נאָר ווינטן בודיאָנישע היטלען
פון מעשענע קלויסטערשע
קעפּ.

איך געדענק, ווען מ׳האָט טונקל געשאָסן,
אין אַ דאָרף אין אַ וויַט, אין אַ פרעמד,
און דער טאָג האָט זיך טונקל געגאָסן
אַף מײַן גרויען אַרמייִישן העמד.

גייען שטויביק באַרויִקטע יאָרן,
ליגט פאַרדרימלט דער אַלטער פאָוויט;
זאָגן מענטשן:
ס׳וועט בליען נאָך קאָרן,
ווו ס׳האָט קאָרן אַמאָל שוין געבליט.

בראָנזענע באַגונצעס, טאַראַשטשאַנצעס,
לאָמיר ווידער גייען אינמיטן העלן טאָג,
לאָמיר ווידער רויכערן און טאַנצן
אַף פוסטן פלאַץ פון טויטער שטאָט.

זאָלן טרעשטשען מויערן און פאַלן,
זאָלן ווידער הודען גראָבע געמבעס אַף די טרעפּ,
הוי, איר קויטיקע באַגונצעס פון וואָקזאַלן,
הוי, איר גראָווע טאַראַשטשאַנצעס פונעם סטעפּ.

אָ, ס׳געדענקען נאָך פון שטאָט די בלייכע מענטשן
אונדזער פריילעכע און ווילדע נאַכט,
ווען מיר האָבן אָנוטשעס און פרענטשן
פון רויטע פאָרהאַנגען געמאַכט.

אָ, ווו זײַנען איצטער יענע ווײַטע יאָרן,
יענע פריילעכע און ווילדע טריט—
זייט איר ווידער רויִק ווייץ און קאָרן
אינעם אַלטן פויערשן פּאָוויט?

מעגן שטענדיקע פרעמדע און פײַנט
מיט קוילן די שליאַכן אונדז קרייצן,
ווי קאָן איך ניט ליבן אַ לאַנד
אַ נאַקעטס מיט שנייען און ווייצן?

ווו זון איז נאָך הויך און איז קליין,
און קאַלט זײַנען שטערן אין הימל,
ווו קאָן איך ניט ליבן קײַן שטיין
אין וועג אַף אַ פלוצלינגן דרימל?

ווו האָט מען נאָך פראָסטערע טריט
אַף וואָסערע וועגן פאַרלאָרן,
ווו האָבן, ווי דאָ, נאָך געבליט
פאַרוויכערטע פלוצלינגע יאָרן?

וואָס איז געבליבן פון דערפעלעך ווינטער
אין שנייִיקע שטומע, אין דאָרפישע טעג,
אַ שליאַך און אַ קלויסטער, אַ מאַרק און אַ צווינטער,
אַ ווײַסער אומענדלעכער וועג...

וואָס איז פון דערפעלעך ווינטער געבליבן,
און וואָס איז געבליבן אַף דעכערשער הייך,
פאַרקויטיקטע שנייען באַמעקט און באַשריבן,
מיט אומעט מיט שטרוי און מיט ווינט און מיט רויך.

הירזשען הונגעריק שקאַפעס אין פינצטערע שטאַלן,
קליינע קינדערלעך הירזשען באַטאָג און באַנאַכט,
אַ מענטש איז געקומען פון קאַלטע וואקזאַלן,
און אַ גרוס פון די ווינטן, די מאָסקווער געבראַכט.

אַ מאָסקווער ווינט,
פֿאַרקילטע ערד
אָ, צאָפּן.

איך טראָג דײַן אָטעם אונטער מײַן שינעל,
איך וועל פֿון איצטער קיינמאָל ניט פֿאַרשלאָפֿן
דעם שאָרך פֿון ווייץ אַף דײַן געבענטשטן פֿעלד.

אַף שליאַכן דײַנע
בליען די מעסלעסן,
און ס׳צאַפּלען עמעסן אַף שאַרפֿן פֿון דײַן שווערד.
אָ, ווי איז די, וואָס וועלן דיך פֿאַרגעסן
אַף שווערן וועג פֿון דײַנע קאַלטע נעכט.

אָ, ווי איז די, וואָס וועלן בײַטן
דײַן ווילדן ברויז אַף שימלדיקער רו,
וואָס שטעלן דײַנע קוטשעראַווע ווײַטן
באַ שוועל פֿון בלוטנדיקער שאָ.

מיר מעלדן אַלע קרויגשטעט, אַלע לענדער, אַלע ערדן:
מיר דאַרפֿן ניט קײַן בלוט און קײַן שאַנד,
נאָר גרייט זײַנען שטענדיק שווערדן
אין אַלע עקן פֿון גרויען לאַנד.

און גרייט איז סיביר, און דאָנבאַס, און אוראַל,
און דער גאַנצער פֿאַרבאַנד עסעסער,
באַהיטן יעדעס דאָרף, יעדער שטאָט און וואָקזאַל,
יעדער ריר, יעדער טראָט, יעדער קער.

און גרייט זײַנען שליאַכן און פֿעלדער און טאָלן,
רוסלאַנד איז רוסלאַנד, וואָלגע איז ניט ריין,
רוסלאַנד וועט יעדערן קאָנען באַצאָלן
פֿאַר יעדער באַשאָסענעם רוסישן שטיין.

ווײַט, ווײַט אין פּאַריזש און לאָנדאָן
זײַנען דאָ אַזוינע מענטשן ווי מיר,
מיט הערצער קוטשעראַווע און בלאָנדע,
פּונקט אַזוינע מענטשן ווי מיר.

זײַנען מענטשן דאָרט שטילע און שווײַגן
אָדער ריידן אַף דײַטש צי פראַנצויזיש,
ווייסן ניט פון אַ ווײַטער טײַגע
פון „דאַיאָש" און בודיאָנישן ברויזן.

שטייט שוין טויזנטער יאָרן אַ וואַנט,
אַ וואַנט אָן אַ שוועל, אָן אַ טיר;
צי איך אויס מײַן פאַרפרוירענע האַנט
פּונקט אַזוינע מענטשן ווי מיר...

און איך ווייס אַף געוויס וועט געשען
אַף גאַנצער וועלטישער ברייט,
יענע מענטשן וועלן פאַרשטייען
אונדזערע פּראָסטע רייד.

אַף פעלדער

ראָכל קאַליש

ניט קיין קלעזמער קלעזמערן און לידלען
אינעם ליידיקן גרויסן אַרום, —
ווינטן שפּילן אַף גאָלדענע פידלען
פון זון.

וואָס דאַרף איך מאָצאַרטן, שאָפּענען
פּאַר שטענדיקער שפּיל פון מיין לייב,
ווען שאָען פּאַרלאָזטע דערבּרענען
מיט מיר דאָ מיין בּלאָנדע פאַרבלייב.

ווען רעגעס, ווי פריילעכע פּיקסלעך,
שפּרינגען אַף שליאַכן פון טאָג,
זאָלן זינגען די דאָרפישע שיקסלעך,
זאָל טאַנצן דער בּלינדער פּעטראָ.

זאָלן דרייען זיך בּלייקע בּיימער,
זאָל קלינגען דער רעגן אין דאַך!
מיין בּלאָנדע! ניט בּיינק נאָך די היימען,
די פריילעכסטע היים איז דער שליאַך.

ניט קיין קלעזמער קלעזמערן און לידלען
אינעם לײדיקן גרויסן אַרום, —
ווינטן שפּילן אַף גאָלדענע פֿידלען
פֿון זון.

ווײל איך ניט, ווײל איך ניט שווײַגן,
רוף איך און פּאָדער און שרײַ,
כ'ציִ אויס מײַנע הענט — זײַנע צווײַגן,
נאָר די הענט זײַנען שווערער פון בלײַ.

די ווײַט וועט מײַן טראָט ניט פאַרנאַרן,
איך זיך אַף די פעלדער און וואַרט.
שטערן ווי זילבערנע באַרן
פאַלן אין קויש פון דער נאַכט.

אָן דיר איז מיר שווערער פאַרבלײַבן
אַף פינצטערע פעלדער אַלײן,
און הערן ווי אָוונטן טרײַבן
אַן אַלטן פאַרלאָזטן געוויין.

ווי קאָן איך, ווי קאָן איך ניט גײען
ווען עמעצער שטײט נאָך און וואַרטסט,
און לויטערע שטערן צעווײען
זילבערנע שטערן פון האַרבסט.

ניט דער הימל, די זון, ניט די ווײַט
האָט מײַן טראָט אַף די וועגן געצויגן,
נאָר דײַן היטל, דײַן גראָווס אַף דער זײַט
אין די גראָווע פאַרגעסענע אויגן.

... געבלאָנדזעט, געזוכט און געזוכט
ביז טאָג איז אַ ווילדער אַנטלאָפן,
און אָוונט האָט זילבערנע ליכט
געצינדן אַף פעלדער פון צאָפן...

געיאָגט און געוויכערט מיט וועג,
מיט שטויב פון צעוואַלגערטע יאָרן,
נאָר אין רויך פון צעשאָסענע טעג
דײַן פאַרגעסענעם בליק ניט פאַרלאָרן.

ניט קײַן הימל, קײַן ווינט, ניט קײַן פעלד
האָט מײַן טראָט אַף די וועגן געצויגן,
נאָר דײַן לאַנגער, דײַן גראָווער שינעל
און די גראָווע פאַרגעסענע אויגן...

שווימט אַרום אין ווייצן זאַטער זומער,
גייט די זון זיך וואַרעמען אַף דער ערד —
ביסט אַזאַ צאַרטע אין מײַן צימער,
ביסט אַזאַ צאַרטע אַפן פערד.

יאָג איך אום און קאָן דיך ניט געפונען,
שלעפּט שוין קאַם מײַן פערד די מידע פיס;
אַלע גערטנער וואַקסן שוין און גרינען,
נאָר מײַן גאָרטן וואַרט אַף מיר אומזיסט.

ועלן קומען וואַרעמע פאַרנאַכטן,
שטיל זיך לייגן ערגעץ באַ אַ שוועל —
וועל איך זיצן דאָ אין פעלד און וואַרטן
אַף דײַן לאַנגן, אַף דײַן טונקעלן שינעל.

זע איך טויטע דאָ פאַרלאָרענע אַף וועגן,
זע איך טריט ערשט נעכטיקע אין פעלד,
און אַ שטילער זומערדיקער רעגן
טרויערט ערגעץ קלינגענדיק אין פעלד.

זײַנען פעלדער דאָ פֿאַרשראָקענע און שטומע,
און פֿון דיר האָט קײנער ניט געהערט, —
ביסט אַזאַ נאָענטע אין צימער,
ביסט אַזאַ װײַטע אױפֿן פֿערד.

הימלען צעוויגט און צעבויערט
פֿאַר גרויע, פֿאַר נעכטיקע זינד,
פֿאַרוואָס-זשע, פֿאַרוואָס האָט געטרויערט
אין פֿעלד דער פֿאַרויכערטער ווינט.

געסלעך אַף פֿעלדער פֿאַרבײַטן
איז ביידע אונדז לאַנג שוין באַשערט,
ניט אומזיסט זײַנען וואָלקנס אין ווײַטן
געפֿאַלן צעשאָסן אַף דר'ערד.

איך וועל דיר כאָטש געבן צו וויסן,
איז פֿעלד אַזוי שטויביק און הויל,
האָט אַ שראַפּנעל הײַנט צעריסן
אַנטלאָפֿענע ווערטער פֿון מויל.

אין אַזוינע צעשויבערטע
נאַקעטע טעג,
קאָן איך דען ווען נאָר דאָס, וואָס מ׳מעג?
כ׳וואַרט אַלע נאַכט אַף דיר
שטיל באַ מײַן טיר,
קומסטו נאָר איינמאָל אין כוידעש צו מיר...

קומסטו אַ מידע פון ערגעץ אַ ווײַט,
אויגן פאַרגעסענע,
היטל אַף זײַט.

קומסטו אַ נאָענטע —
טירן פאַרשפאַרט.
זיצסטו ביז האָנען באַלייטן
די נאַכט.

כ׳וואַרט אַלע נאַכט אַף דיר
שטיל באַ מײַן טיר,
קומסטו נאָר איינמאָל אין כוידעש צו מיר...

קומסט אַ וואַרעמע ערגעץ פון וועג,
קאָן איך דען ווען נאָר דאָס, וואָס מ׳מעג?

אָן אַ פּאַר ווײַמען, אָן אַ פּאַר ווען,
בלאָנדעלע, בלאָנדעלע זײַ מיר אַ פרײַנט.
פלאַקער און פלאַקער מײַן ייִנגלשן ברען, —
איצט,
באַלד,
שױן.
זײַ מיר אַ גאָלדענע, זײַ מיר אַ קינד,
אָן אַ פּאַר ווײַמען, אָן אַ פּאַר ווען,
וויל איך אַ גאָלדענע, וויל איך הײַנט זינד, —
איצט,
באַלד,
שױן.
שמעקסט מיט אַ פרישן מיידלשן לײַב,
אָן אַ פּאַר ווײַמען, אָן אַ פּאַר ווען,
זײַ מיר אַ בלאָנדעלע,
זײַ מיר אַ ווײַב, —
איצט,
באַלד,
שױן.

וויגט זיך
אַן אַלטער צעבראָכענער פּלויט,
ליגסטו
לעם שטילן צעבראָכענעם פּלויט.
נורען זיך כאַטקעס אין שרעק און אין פּײַן.
פינקלען צו פעלדער מיט שרעק און מיט שײַן.
ווידער פון ווײַטן אַ שאָס און אַ שאָס.
פאַל איך
אַ מידער
אַף סאַמעט פון גראָז.
ווידער אַ שאָס, און אַ כאַטקעלע ברענט.
גלעטן מיך נאַקעטע מיידלשע הענט.
פלאַקערן הימלען,
אין רויכן,
אין רויט;
יאָגט אַף די פעלדער די נאַכט און דער טויט;
וויגט זיך און וויגט זיך,
און וויגט זיך
דער פּלויט;

טופּען און טופּען צעשראָקענע פּערד.
צוויי הימלען,
צוויי הימלען
געפֿאַלן אַף דר'ערד,
איינער איז שוואַרץ און דער צווייטער איז רויט;
ליגן מיר ביידע לעם איינזאַמען פּלויט.

די וועלט האָט צעטיילט זיך אַף צווייען —
אַף אַ שטאָלענער און אַ ווייצענער;
שיטן זיך שטערן, ווי שנייעלעך,
וואַרעם אַף אונדזערע פּלייצעס.

האָבן זיך הימלען צעגאָסן
אַף פעלדער מיט טונקלען קרישטאָל,
מיר האָבן אים ביידע צעשאָסן
באַנאַכט אין צעשראָקענעם טאָל.

דו ביסט געגאַנגען אַ שטילע,
רויִק און צאַרט,
פון ווײַט האָבן טרוקענע מילן
אַף ברויטן געוואַרט.

באַנאַכט זײַנען קעלטער די הימלען,
באַנאַכט זײַנען שוואַרצער די פערד.
מע טאָר ניט, מע טאָר שוין ניט דרימלען
אַף הײַנטיקער ערד.

די וועלט האָט צעטיילט זיך אַף צווייען —
אַף אַ שטאָלענער און אַ ווייצענער,
און שטערנדלעך קאַלטע, ווי שנייעלעך,
טאַלן אַף אונדזערע פּלייצעס.

איך בין אויך פון יענע געבענטשטע,
וואָס שענקען זיך פעלדער פאַרשווײַט,
איך האָב ליב דײַנע גראָווע פרענטשן
און דײַן נאַגאַן בײַ דער זײַט.

זאָל טומל נאָך רוישען און ווייען,
און צינדן די נעכט אַף דײַן שווערד,
איך האָב ליב דײַנע פיס, וואָס גייען
שטענדיק אַף דר׳ערד.

כ׳פאַרליר אַלע מאָל נײַע ניסים,
ווי טרוקענע טעג פון דער פרעמד,
און ס׳ווייסט נאָר פון ברויז און געניסן
מײַן לײַב אונטער טונקעלן העמד.

איך ווייס נאָר דײַן שמייכל, דעם יונגן,
די גראָע פאַרטאַיעטע קייט,
און קוילן, וואָס הילכן און קלינגען,
ווי ווײַטע בודיאָנישע רייד.

טוט אַ שאָס דאָרט, אַ קלונג אינדערוויַיטן,
טוט אַ הילך אינדערוויַיטן די ערד,
יאָגן אַף פעלדער פאַרשייַטער
צעצוימטע, צעשראָקענע פערד.

שווינדלען נאָך גיכער די היטלען,
ציטערן הימלען אין סטעפּ,
כאָלעמען ערגעץ נאָך שטעטלעך,
פלאַפלען נאָך וויַיבער אַף טרעפּ?

אָפּט טוט אַ אָטעם מיט מיסטן
אַ בליץ מיט אַמאָליקער צייַט,
ווען דו ביסט געווען אַ בונדיסטקע,
און איך האָב געאַרבעט אין ראַט.

שווינדלען נאָך גיכער מעסלעסן,
גרינגע מיט בלוט און מיט בליַי,
וויל איך און קאָן ניט פאַרגעסן
אָן ערשטן אַמאָליקן מיַי.

טוט אַ שאָס דאָרט, אַ קלונג אינדערווײַטן,
טוט אַ הילך אינדערווײַטן די ערד,
יאָגן אַף פעלדער פאַרשײַטער
צעצוימטע, צעשראָקענע פערד.

נאָך נעכט אין פאַרקויטיקטע צוגן,
נאָך וואָכן פאַרבראַכטע אַף שניי,
ביסט ווידער אַוועק אין קאָמיוגנט,
און איך בין אַוועק אין פּאַרטיי...

גייען שטילע באַרויִקטע נעכט,
גייען טעג שוין ווי זייגערס פאַרצויגן,
און איך זע שוין ניט מער דײַנע אויגן,
און פאַרגעסן איז לאַנג שוין דײַן פערד.

ניט מע יאָגט, ניט מע פליט, ניט מע שיסט,
דאַרף שוין הײַנט קיינער קײַן קוילן ניט;
זאָלן זיך קלויסטערס נאָך ציילעמען,
זאָלן זיי קלינגען אומזיסט.

רוען אַצינד איז נאָך פרי;
טונקעלע וואָלקנס באַהאַלטן זיך;
ס'ליגן שוין פעלדער געפאַלדעוועט
און וואַרטן אַף מי.

האַרבסט האָט שוין ווידער צעהאַנגען
דאָס אַלטע פֿאַרלאָשענע גאָלד,
מיר זײַנען דאָך בײדע געגאַנגען,
מיר האָבן עס בײדע געוואָלט.

וועלן דראָטן זיך טרייסלען אַף שטאַנגען,
און דערצייילן פֿון האַרבסטיקע נעכט;
מיר זײַנען דאָרט בײדע געגאַנגען,
מיר האָבן עס בײדע געהערט.

מיר האָבן דאָ גאָרניט פֿאַרלאָרן
אין פֿעלד לעם צעבראָכענעם פּלויט,
מיר האָבן אַליין זיך געבוירן
און האָבן אַליין זיך צעזייט.

בין איך שפּעטער אַף גאַסן געגאַנגען,
האָבן גאַסן מיר עפּעס דערמאַנט,
זײַנען שטערנדלעך טויבע געהאַנגען,
איז דער הימל געווען ווי אַ וואַנט.

איז הימל געהאַנגען צעלעכערט
(אַזוי האָבן פעלדער געוואָלט),
און האַרבסט האָט אַף שטענדיקע דעכער
געווייט דאָס פאַרלאָשענע גאָלד.

אין קלעם

שוואַרץ זײַנען פעלדער בײַנאַכט אונטער קיעוו,
ווײַס זײַנען הימלען און פינצטער און טיף.

פאַלן אין פענצטער פון פינצטערער הויך
רייכן פון שנייען, פון בלוט און פון רויך.

דאָ זײַנען קעלטער די נעכט אַפן שטיין,
דאָ קריצן שטאַרקער צעשראָקענע ציין.

און דאָרט פאַלן מענטשן אַפן בלוטיקן שניי,
און דאָרט ליגן מענטשן אין רויך און אין וויי.

ווײַס זײַנען פעלדער פון טפיסע בײַנאַכט.
טויערן, שטיינער און היטער וואָס וואַכט.

נאַכט ווערט צעגאַנגען אין בלוילעכן טאָג,
מיר הערן פון ווײַטן אַ פײַף פון אַ צוג.

מיר הערן פון ווײַטן אַ ריס נאָך אַ ריס,
אַ ווינט האָט געבראַכט אונדז אַ לויטערן גריס.

ווײַס זײַנען הימלען, און פינצטער, און טיף,
שוואַרץ זײַנען פעלדער בײַנאַכט אונטער קיעוו.

מ׳האָט מיך געפּאַקט אין אַ שטיבל אַנ׳אַלטן,
מ׳האָט מיך געפּאַקט און מע האָט מיך פֿאַרהאַלטן.

ווערטער צעשיטן זיך פֿרעמדע און וויסטע:
פֿונוואַנען, וואָס טוסטו, וואָס דאַרפֿסטו, ווער ביסטו?

ווּהין וועט די שיקערע נאַכט מיך פֿאַרפֿירן?
— „אַ פּאַספּאָרט? אַ ביכל? ניטאָ קיין פּאַפּירן.

— איך שטיי און איך זוך, און איך מיש, און איך רודער,
אין טאַש ליגן ביכלעך מיט ייִדישע לידער.

די ביכלעך געפּאַקט און צעפּליקט, און צעריסן:
— אַזוינע טשעקיסטן ווי דו דאַרף מען שיסן!

און וואַרפֿט זײַנע בליקן אַף צעשראָקענע שכיינים:
— מיר וועלן אײַך אַלע צעשיסן ביז איינעם!

דער יונגער טשעטשענק צעשרײַט זיך: — „נו, קריכער,
„פֿאַרנעם זיך, פּאָדליעץ, נעם צונויף דײַנע ביכער!״

און דאָרט אינדערהייך, באַ דעם דאַך, אין די שפּאַלטן
ליגט מײַן נאַגאַן מיט מײַן פּאַספּאָרט באַהאַלטן.

זיי זײַנען ווי שטילע יעסוימים פֿאַרבליבן,
און מיך האָבן דרײַ אָפּיצערן געטריבן.

אויסגעשטאָרבן
זײַנען מײַנע לענגען,
װעגן
האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ װאָלקן.
פּאַרװאָס-זשע האָט אַ ליד
געװאָלט באַנאַכט
זיך הענגען,
און דערשראָקענע
זיך הוידען
אויסיעס אַף אַ באַלקן?...

אין שטיינערנעם מויער זײַנען שטרענגער
די האַרטע מעסלעסן,
ליגן מענטשן פון מענטשן פאַרלאָזט
און פון גאַטן פאַרגעסן.

נעכט צעהענגען לײַלעכער שוואַרצע באַ אײַזערנע שטײַגן,
לייגן זיך מענטשן אַף ברעטלעך און ליגן און שווײַגן.

נעכט פאַרווייען די אײַזערנע שטײַגן מיט פראָסטיקע שטערן,
לייגן זיך מענטשן אַף ברעטלעך און ליגן און הערן:

דאָרט אין דער שטאָט גייען מענטשן אַרום
און מ׳פרייט זיך,
דאָ גייט אַ נאַכט און אַ מענטש מיט אַ ביקס
אַף דער פּלייצע.

ליגן מענטשן מיט אָפענע אויגן און דרימלען און שווײַגן,
און הערן דאָס שווײַגן פון ווענט און פון נאַכט
און פון אײַזערנע שטײַגן.

טיף אין דער נאַכט וועלן טופּען אָפּצאַסן
און סקריפּן די טירן,
מ׳עט קומען און נעמען אַ מענטשן און ערגעץ אים פירן.

דערנאָך וועט אַ שאָס אַ געשריי טון,
און ווידער וועט שווייַגן
די אייַזערנע נאַכט אין די אייַזערנע שטייַגן.

וועט ליגן אין הויף פון דער טפיסע אַ לייַב, אַ פאַרגעסנס.
אין שטיינערנעם מויער זייַנען שטרענגער די האַרטע
מעטלעסן.

בעט זיך אַ געלעגער
אַף די ווענט דער טרויער,
וואַלגערט זיך אַף שטיינער
פּינצטערער מעסלעס,
סקריפּען ערגעץ וועגענער
אַף פּאַרלאָזטע וועגן,
ליגט די זון באַם טויער
ווי אַ פרישער מעס.

רײַסן זיך די אויגן
אַף די פּוסטע גאַסן,
כאָטש איין מאָל אַ מעסט טון
אָט-דאָס לעצטע גראָז.
נאָר מײַן בוך פאַרשלאָסן
אין אַ שוואַרצן קאַסטן,
און די טויט פאַרהאַנגען
מיט אַ שווערן שלאָס.

פון יענער זײַט טפּיסע
לויפֿן צעשראָקענע װעגן,
לעם פּענצטערלעך
ציטערט אַ שטילער פֿאַרכאָלעמטער רעגן.

מיט טרוימען פֿון װײַטע
און דולע װאָקזאַלן,
פֿון פֿערדלעך,
װאָס שטייען פֿאַרשלאָפֿן אין איינזאַמע שטאַלן.

פֿון פֿערדלעך,
װאָס זײַנען װי פֿײַל און װי בויגן
אַף פֿעלדער, אַף גרויע, אַף װײַטע, אַף דולע
געפֿלויגן.

די זון האָט באַשריבן די װענט
מיט פֿאַרזשאַװעטע פֿאַסן,
סע גלוסט זיך אַ פֿלי טון,
אַ ריס טון,

אַוועק
איבער שווייַגיקע גאַסן.

לויפן פון יענער זייַט טפּיסע
צעשראָקענע וועגן,
ציטערט לעם פענצטערלעך שטיל
אַ פאַרכאָלעמטער רעגן.

אויסגעפּוסטעוועטע שלעפֿן זיך אַרום
גאַסן שיקערע פֿון נאַסער נאַכט,
ווינט דערטראָגט צו מיר אַ בינטל שלעפֿעריקע טריט
פֿון עמעצנס אַסאַך, וואָס בלאַנקען אום
אין סעדער נאַקעטע פֿון שוואַרצע שטעט...

ווער גייט עס אום,
ווער פּוסט-און-פּאַסעוועט אַף באָרעוו וועלט
ווען פֿעלדער ליגן טויט און נאַקעט?

איך ווייס, אַז ניט בײַ יעדערן איז איצט דער קאָפּ באַזונדער
און ניט בײַ יעדערן זײַנען די פֿיס פֿאַרשפּאַרט,
ווער-זשע טאַנצט אַף נאַכטישן פֿייז וווּנדער,
אַף גאַסן שיקערע פֿון ווילדער נאַכט?

סע ברענט דער וואַלד, אַף פעלדער ברענען בריקן,
מיט טויטע און מיט שנײ פאַרזײט דער װײַסער װעג;
פון װײַטן גײט מאַכנאָ, און װײַטער גײט דעניקין,
און מיר איז דאָ באַשערט צעבײַטן מײַנע טעג.

װוּ ביסטו הײַנט, מײַן פערד מיט אומעטיקע אויגן.
איך האָב אין שלאָף געזוכט — געזעען און ניט דערקענט,
מיר זײַנען איבער פעלד און איבער סטעפּ געפלויגן,
און הײַנט איז מיר באַשערט דאָ װוינען אין די װענט.

און הײַנט איז מיר באַשערט דאָ מײַנע טריט צעזײען,
און ברודיק איז מײַן קאָפּ, און לײַזיק איז מײַן העמד,
און ברידער לויפן אום מיט פּאָלקן און אַרמײען,
און דו ביסט ערגעץ װײַט מיט פרעמדע אין דער פרעמד.

מיר שלאָפֿן ניט בײַנאַכט, מיר ליגן שטיל און הערן,
פֿונוואַנען קלינגען רייד, נאָך וועמען טופּען טריט.
אַ גאַנצע נאַכט האָט עמעץ קאַלטע שטערן
אין אונדזער קאַלטער פֿינצטערניש געשיט.

ווער ווייסט, צי וועלן מיר ביז מאָרגן זיך דערוואַרטן,
צי עפּשער איז שוין הײַנט געקומען אונדזער ריי.
הוי, ערגעץ ברענען שטעט, ערגעץ הוליען שלאַכטן,
און אונדז וועט זון געפֿינען אַפֿן שניי.

מיר ליגן שטיל מיט צוגעפּרעסטע ליפּן,
מיט שווײַגן און מיט נאַכט איז פֿול מײַן שווערער קאָפּ;
מיר הערן שווערע טריט אין קאָרידאָרן טופּען,
און רויטע זײַנען שוין לעם באַכמאַטש-קאָנאָטאָפּ.

אַ גאַנצע נאַכט האָט מען אין פֿינצטערניש געשאָסן,
און שוידער האָט געיאָגט אַף קאַלטע ווענט.
אַ גאַנצע נאַכט האָט הויך גערוישט און האָט געגאָסן,
אַ גאַנצע נאַכט האָט לײַב אין וואַרטעניש געברענט.

י. גוסינאָוון

אין אָנדענק פון לוקיאַנאָווקע

אַף טישל ליגט צעפּליקט אַ ביכל לידער — פּושקין;
מיר האָבן אים געלייענט שוין אַלע אַמאָל זעקס.
אונדז כאָלעמען זיך שטיל געלאַטעטע טעפּלושקעס,
מיט וואַרעמקייַט און קויט, מיט פּויערים און זעק.

ס'איז דאָ אַזוי פיל וואַרעמקייַט, אַזוי פיל ליבער טרויער,
אין פרעמדע טריט פאַרגעסענע אַף שניי,
אַ מענטש קומט אָן צו אונדז, אַ קאַלטער און אַ גרויער,
און ברענגט פון הויף אַ טאָפּ מיט קאַלטער טיי.

פּושקין, דערפער, פּויערים, אָניעגין,
צו וואָס האָט ער צעשאָסן לענסקי'ן אַף שניי.
אין הערצער טריפט פון האַרבסט אַ לעצטער רעגן,
מיר זיצן אַלע שטיל און זופן קאַלטע טיי.

אין די אויגן לויפן שנייִקע טעפּלושקעס
הימל אַף די דעכער. פּויערים מיט זעק.
אַף טישל ליגט צעפּליקט אַ ביכל לידער — פּושקין,
מיר האָבן אים געלייענט שוין אַלע אַמאָל זעקס.

גאַנצפרי איז גרינג און רעגן טריפט פאַרשלעפערט,
דער טאָג האָט זיך צעגאָסן אַף די ווענט.
אַ בריוו. אַ פעקל. איצקא פעפער.
איך האָב איר קסאַוו, דאָס נאָענטע דערקענט.

כ׳צענעם, כ׳צעבינד אין שטילן וווּנדער —
אַ ברויטל, מיט אַ בלײַשטיפט, מיט אַ העמד ;
מײַן מאַמע האָט פאַרלאָזט דעם טאַטן מיט די קינדער,
דעם זון פאַרלוירענעם געפונען אין דער פרעמד.

נו, וואָס האָב איך געקענט מײַן שטילער מאַמע זאָגן,
דערציילן וואָס פון טפיסע און פון מיר.
זי וועט דאָרט גאַנצע נעכט איר ליבן זון באַקלאָגן,
און בליק וועט גאַנצע נעכט זיך רײַסן דורך דער טיר.

נאָר נאַכט איז שוואַרץ און שוואַרצער נאָך איז טפיסע,
און ווײַט איז וועג צו מאַמע און צו היים.
פונדאַנען וועט מען ווידער פירן און צעשיסן,
און פאַלן וועט דער שאָס אַף טפיסעס קאַלטן שטיין.

גאַנצפרי איז גרינג און רעגן טריפּט פאַרשלעפּערט,
דער טאָג האָט זיך צעגאָסן אַף די ווענט.
אַ בריוו. אַ פּעקל. איצקא פּעפּער.
איך האָב איר קסאַוו, דאָס נאָענטע דערקענט.

אַף שטיינער פון שווײַגן, פון שווײַגן
האָב איך הײַנט צעקלונגען מײַן גלאָק,
נאָר קאַלט, ווי דער אָטעם פון טײַגע,
האָבן שטיינער באַגעגנט דעם טאָג.

געענטפערט האָט קיינער, האָט קיינער,
פאַרשטאָפּט האָט די מײַלער די וועלט,
נאָר גלאָק האָט די ווילדע געוויינען
געשאָטן אַף ווערסטן פון עלנט.

איך בין מיט מײַן גלאָק נאָך געשטאַנען
מיט שאָען פאַרשטומטע פון טאָג,
נאָר וועלט האָט דעם רוף ניט פאַרשטאַנען,
די קופּערנע ווערטער פון גלאָק.

שווער איז זעען
דאָס שווײַגן פֿון די שטיינער,
שווער איז זעען
אַ נאַכט אַף האַרטן שטיין.
נאַכט,
און איך נאָר איינער,
און דער רעגן מיט זײַן נאַכטישן געוויין.

שווער איז זעען,
ווי טירן שוואַרצע שווײַגן,
טירן שוואַרצע, שוואַרצער פֿון דער נאַכט,
מענטשן שטומע,
מענטשן אין די שטײַגן,
טירן, טויערן
פֿאַרשפּאַרט.

מײַנע פֿענצטער פֿרישט גיט קײַן באַגינען;
שאָטנס שטומע
בלאָנדזשען דאָ אַרום.
קומען וועלן מענטשן און געפֿינען
נאַכט און נאַכט
און שלעסער אומעטום.

װענט און װענט,
אַזױ פֿיל שטײנערדיקע װענט.
מיט מײַנע קורצע הענט
צי װיל איך זײ דערלאַנגען?—
צי װיל איך זײ באַטאַפּן מיט מײַן אױג,
װאָס איז מיט קנױלן פֿינצטערניש
באַהאַנגען...
אַזױ פֿיל װענט
און איך בין אינדערמיט.
אַזױ פֿיל װערסטן שלאָף,
און איך
מיט מײַנע טריט...

דרויסן האָט פאַרכלינעט זיך מיט שטויבן,
הימל.
האָט אַרויסגעהוסט אַ נאַכט.
איך האָב זיך נאָך אַ מאָל
אין ווינקעלע פאַרקלויבן,
און וואַרט.

מײַן וווינונג שליס איך ניט
און ס'איז ניט אָפן;
פרײַ זענען די טריט
און דאָך פאַרשפאַרט;
קיינער קאָן אַצינד ניט שלאָפן,
מע וואַרט.

דרויסן ווייט און דרייט מיט שטויבן,
אין טויבע דעכער קלינגט דער ווינט.
נאָר שווער איז מיר אַצינד
ניט גלויבן,
און שווער איז טרויערן
אַצינד.

שוואַרץ זײַנען שנייען באַנאַכט אונטער קיעוו,
ווײַט זײַנען הימלען און פינצטער און טיף.

לאַנג איז דער ווינטער און הודעט און שנייט,
ווײַט גייט אַ לאַנגע אַ שנייִקע קייט.

ווײַט זײַנען פעלדער פון טפּיסע באַנאַכט,
טויער און שטיינער און היטער וואָס וואַכט.

הודעט דער הימל פון ווינט און פון שרעק,
פון הויף איז דעה שנייִקער היטער אַוועק.

דאָרט ליגן מענטשן אין רויך און אין ווײ,
דאָ ליגט אַ ביקס אַ פאַרלאָזטע אַף שנײַ.

מיט טישן, מיט טישן, מיט ברעטער, מיט הענט.
קלינגען די טירן און הודען די ווענט.

הודעט דער מויער פון ווינט און פון שרעק.
פון קיעוו איז דעניקין אַף פעלדער אַוועק.

די טפּיסע איז אָפן און הויל איז דער וועג,
מיר לויפן מיט לידער, מיט ווינט און מיט טעג.

ווײַט זײַנען הימלען און לויטער און טיף,
פרײַ זײַנען פעלדער באַנאַכט אונטער קיעוו.

עליעס טויט

I

װען שטילע שמייכלענדיקע שטערן
צעשיטן זיך אין אַלטן טאָל,
איז גוט צו זיצן דאָ און הערן
ווי גראָזן פּלאַפּלען פון אַמאָל.
איז גוט — אָט דאָ אַמאָל דערמאַנען
אַן אַלטע ווינטערדיקע ליד
אַף ווײַטע דרימלענדיקע באַנען,
וווּ שניי און אומעט שיט און שיט,
וווּ קינדער ווייַנענדיקע ליגן
מיט אויגלעך קאַלטע, ווי דער פּראָסט,
וווּ ערגעץ ווײַט אַף ווײַסע וועגן
האָט ווער די לעצטע טריט פאַרלאָזט.
ווי פריילעך איז געווען זיך דרייען
אין סטעפּ מיט היציקן גאַלאָפּ,
אין טיפע זינגענדיקע שנייען
באַהאַלטן שמייכלענדיק דעם קאָפּ.
איז גוט אָט דאָ אַמאָל דערמאַנען
ווי ס'האָבן נעכט געיאָגט פאַרשײַט.

. . . .

נאָר ס'האָט ניט יעדערער פֿאַרשטאַנען
די גרויסע פרייד פֿון יענער צײַט.
ניט יעדער האָט געקאָנט דעריאָגן
דעם הייסן לויף פֿון יענע טעג,
ווען ס'פֿלעגן אײַלנדיקע צוגן
זיך שלעפּן וואָכנווײַז אין וועג.

II

אַף פֿעלדער ווײַטע און פֿאַרשנייטע
האָט טאָג און נאַכט אַ שלאַכט געברענט,
און ס'האָט אַ שטעטעלע דאָס צווייטע
אין יענע רויכן ניט דערקענט.
ס'איז דעמאָלט קיינער ניט געשלאָפֿן,
מ'האָט נאָר געזונגען און געיאָגט,
האָט עמעצן אַ קויל געטראָפֿן,
איז ער געפֿאַלן ניט באַקלאָגט.
און ווער האָט צײַט געהאַט צו קלאָגן
אַף זין, וואָס פֿאַלן ערגעץ טויט,
ווער ס'האָט געהאַט אַ פֿערד און וואָגן,
דער האָט געפֿירט אַף שלאַכטן ברויט.
אַזוי איז יענע צײַט געגאַנגען
און האָט מיט רויער פרייד געשויט,
און הויכע דראָטן אַף די שטאַנגען
דערציילן שטיל פֿון יענע טויט,
ווי מ'האָט דעם פֿײַנט אין פֿעלד געטריבן
מיט הוילע הענט און מיט געזאַנג.

ס׳האָט דעמאָלט קיינער ניט פאַרשריבן
די הייסע ליד פון יענעם גאַנג.
אַסאַך, אַסאַך האָט מען געהאַנגען
אין שטילער לוואָנעדיקער נאַכט.

. . . .

זיי האָבן זייערע געזאַנגען
פון יענע פעלדער ניט געבראַכט.

III

ווער דאָרט, ווער דאָ אין שטילן קאָרן
האָט שטום דערזאָגט דאָס לעצטע וואָרט;
ס׳איז יענער וועג שוין לאַנג פאַרלאָרן
און רעגנס וואַשן שוין דאָס אָרט.
און קומען קומט אַהין ניט קיינער,
און איינזאַם בענקט די פייַכטע ערד,
ווו ס׳האָט אַ רייַטער זייַנע ביינער
פאַרלאָזט אינייינעם מיט זייַן שווערד.
איז שווער אַזוי אַוועק פונדאַנען,
פון אָט דעם אַלטן, פרישן וועג,
ווו יעדער בערגל קאָן דערמאַנען
אַ בינטל אָפּגעבליטע טעג.
און גוט איז זיצן דאָ און הערן,
ווי סטעפּעס רעדן פונעם שלאָף,
און זען ווי טרויעריקע שטערן
צעשיטן זיך ווי שטומע שאָף.

אין ווײַטקייט זשומען ערגעץ מילן,
אַף גראָזן פאַלן טראָפּנס טוי,
אין אַ װוּנס, אַזאַ שטילן
האָט מיר אַ סטעפּ דערציילט אַזוי.

IV

אין יענע טעג פון הייסן ציטער
האָט אונדזער העלד זײַן היים פאַרלאָזט,
זיך ניט געזעגנט מיט זײַן מוטער,
איז ער אַוועק אין שאַרפסטן פראָסט.
אין אַלטע שיך, אין דינעם רעקל,
אַ לעבל ברויט, אַ פּאָרל גרעט,
מיט אַ צעריסן קויטיק פּעקל
איז ער אַוועק אין פרעמדע שטעט.

. . . .

ער האָט פון קינדווײַז אָן געטראָגן
אַ ווילדן קויעך אין זײַן ברוסט,
פון קאַלטן וויי און שטילע קלאָגן —
פון דעם האָט עליע ניט געוווּסט.
ער האָט געקענט אין אַ פרימאָרגן
אַ וואַש טון זיך מיטן פרישן שניי
און נאָכדעם גליטשען זין אָן זאָרגן
אַף אײַז אַף גלאַטן אַ שאָ צוויי.
אַמאָל געפּאַקט אַ פערד אַ פרעמדן,
געטריבן אים ביז טיפער נאַכט,
ביז אַף די לויפנדיקע ענדן
האָט די לעוואָנע זיך פאַרטראַכט.

און איינמאָל, ווען ער איז געשווומען
און ס'האָט אַ שטורעם אים געדרייט,
אין לופט געהודעט האָבן רייד:
— „ער גייט צו גרונט, ער וועט ניט קומען!"
און כוואַליעס האַלטן אין איין יאָגן
דעם ווילדן שוימענדיקן ברויז,
נאָר עליעס הענט צום ברעג אים טראָגן
און עליע שפּרינגט פון שוים אַרויס!

. . . .

ווער ווייסט ניט איצט פון עליעס וווּנדער
אין גאַנצן אומרוּיִקן קאַנט,
אַפילע קליינע, קליינע קינדער
איז עליעס נאָמען שוין באַקאַנט.
קיין ווייכן קלאַנג פון קינדער-לידער
האָט ער אין וויגל ניט געהערט,
נאָר פאַלן אַף דער ערד אַ מידער
אין קאַלטן גאַנג פון פרעמדע נעכט
איז גרויזאַם אים געווען באַשערט.

V

אַלע טאָג לעם שטילן פּאַרקן
האָט שטיל גערוישט דער שמאָלער שליאַך,
אין האַנדל-וואַנדל אַף די מאַרקן
פּאַרטון זיַינען געווען אַסאַך.
שטענדיק פלעגן קרעכצן רעדער
אַף לאַנגן סקריפּנדיקן בריק,
און פליַיסיק פלעג מען מאַכן לעדער

אין איינווייניקער פאַבריק.
דורך טירן שמאָלע, שוואַרצע שויבן
מיט אויגן ערגעץ ווײַט געווענדט,
מע פלעגט דאָרט אַרבעטן און גלויבן
אין טיפע קרעפטן פון די הענט.
האָט עליע אויך געאַרבעט לעדער,
ווי אַלע דאָ, ביז טיפער נאַכט,
מיט יוגנט דאָרפישער אין סעדער
האָט עליע זומער-נעכט פאַרבראַכט.
נאָר בלאָנדזשען פלעגן זײַנע אויגן
און ס׳האָט געטריפט זײַן קראַפט אומזיסט.
ס׳האָט ערגעץ שטענדיק אים געצויגן—
וואוהין, האָט קיינער ניט געוווּסט.
אַף נײַע טעג באַ די וואַרשטאַטן
האָט מען אין פינצטערניש געוואָרט;
האָט עמעצער געדרוקט פלאַקאַטן,
פלעגט ער צעקלעפן זיי באַנאַכט.
און ווען געווען איז אַן אסיפע,
אין נעכט, אין שנייִקע און טיפע,
באַ קעלערס פול מיט דינאַמיט
איז ער געשטאַנען און געהיט.
קײַן רעדעס האָט ער ניט געהאַלטן
און ניט געוואָרפן זיך מיט רייד,
נאָר טיף אין זיך האָט ער באַהאַלטן
דעם שטילן אָטעם פון זײַן פרייד.

VI

אין איינמאָל האָט אַ שניי גערעגנט
און ס'האָט געבענקט די ווײַסע ערד.
און זיך מיט קיינעם ניט געזעגנט,
האָט ער אַ טרײַב געטון דאָס פערד.
פון קליינע פענצטער מאַטע אויגן
באַלייט האָבן זיין גרינגן לויף,
דאָס פערד איז שפּילעוודיק געפלויגן
און האָט פאַרלאָזט דעם לעצטן הויף.
נאָר ערגעץ ווײַט אין קאַלטע שויבן
האָט אַ באַקאַנטער בליק געקילט,
אַף ווײַסן פראָסט, אַף קאַלטע שטויבן,
אַ הונט אַ לעצטער האָט געבילט.
די שטאָט ווערט קלענער אַלץ און קלענער
און עליען ווערט זי אַזוי ליב,
ס'איז יעדער זאַך פונווײַטנס שענער
און ליבער ווערט די אַלטע שטוב.
און אַזוי' מילד האָט אים געצויגן
אַהין צו אָפּגעקילטע טעג,
די קינדהייט פּליט פאַר זײַנע אויגן
און יאָגט אים נאָך זײַן גאַנצן וועג.
נאָר קיינער הערט ניט איצט זײַן יאָגן
און עפּעס ווערט אים אַזוי קאַלט,
ס'האָט נאָר דאָס פערד אים ווילד געטראָגן
און האָט געוועקט דעם ווײַסן וואַלד.
פון אומעטום האָט מען געשאָסן,
געציטערט האָט די גרויע וועלט,

און ס׳האָבן טעג זיך הייס געגאָסן
אַף גרויען הונגעריקן פעלד.
איז עליע אויך מיט זיי געפלויגן
אין יענער רויכערדיקער שײַן,
אין זײַנע שמייכלענדיקע אויגן
האָט קיינמאָל ניט געווונט קיין פּײַן.
ער איז געווען פון שנייען קעלטער
און הייס ווי גליענדיקער שטאָל,
האָט ער פאַרליבט זיך אין די פעלדער,
ווי אין זײַן שטעטלדיקן טאָל.
איז יעדער וועג געוואָרן נײַער,
זײַן טראָט האָט פריילעכער געברענט.

. . . .

ער האָט געוווּסט, אַז לעשן פײַער
האָט מען מיט פײַער נאָר געקענט.
ער האָט געוווּסט, אַז וועקן דרימל
האָט נאָר געקענט דער דולער שליאַך.
אַ לאַנגע צײַט, אַז הויכער הימל
איז אים געווען אַ ליבער דאַך.
ער האָט זיך אויסגעלערנט שווײַגן
און זיצן שטיל אַנטקעגן זון,
אין טונקלען וואַלד, אַ הײַפל צווײַגן
איז אים זײַן בעסטע היים געווען.
און צווישן אַלע זײַנע שכיינים
איז ער געווען נאָר איין ייִד,
נאָר אומעטום מיט זיי אײניינעם
האָט ער געפײַפט דאָסזעלבע ליד.

. . . .

אַמאָל אין ראַשיקע פאַרנאַכטן,
אין שאָ פון פאַכעד און פון נויט,
ווען מענטשן מידע פלעגן וואַרטן
אין פרעמדע היימען אַפן טויט,
ווען איבער שטעטלעך בייזע וואָלקנס
געיאָגט האָבן די לעצטע נאַכט,
איז נאָר די אומרויִקע פאָלקן
אַהינצו רו האָבן געבראַכט.
מיט יענע פאָלקן פלעגט ער יאָגן
און ניט געפילט זיך אין דער פרעמד,
ווײַל הייסע הערצער פלעגן שלאָגן
באַ יעדן אונטער קאַלטן העמד.
און אַלע טרויעריקע פריידן
האָט ער געצונדן אַף זײַן שווערד,
די וועלט איז גרויס און האָט פאַר יעדן
אַ היים אַ היימישע אַף דר׳ערד.
נאָר מענטשן פליען, מענטשן גייען,
אָט ערשט געוועזן און שוין אַוועק,
אַף יענער ערד פלעג דער פאַרגייען,
ווער ס׳האָט געשראָקן זיך פאַר שרעק.
ס׳איז יעדער גרייט צו זײַן אַ קאָרבן
און פאַלן ערגעץ לעם אַ פלויט,
אַף יענעם פעלד איז דער געשטאָרבן,
ווער ס׳איז געלאָפן פונעם טויט.

VII

אין גאַנג פון בלוילעכע פאַרטאָגן
האָט יעדער וואַלד פאַרזוכט אַ שלאַכט,
ווי פריילעך איז געווען צו יאָגן
אין יענע וועלדער שפּעט באַנאַכט.
ווער קאָן פאַרגעסן די געזאַנגען
פון יענע נעכט אין אַלטן טאָל,
און ווער ס'איז איינמאָל דאָרט געגאַנגען,
וועט דאָרט שוין זײַן צום צווייטן מאָל.
אין היכן הענגט נאָך יענער וואָלקן
וואָס שיקט דעם טרויער אַף דער ערד,
ווער ווייסט ניט איצט קאָטאָווסקיס פּאָלקן,
קאָטאָווסקיס רײַטער אַף די פערד.

. . . .

דער אַכטער טאָג איז שוין פאַרגאַנגען,
און ס'איז אין פּאָלק קיין ברויט ניטאָ,
ס'גייען אום די שווערסטע קלאַנגען
און שווערער ווערט פון שאָ צו שאָ.
— „מיר זײַנען אַלע שנעלע רײַטער
און יאָגן דאַרף מען סײַוויסײַ.
— „נאָר וואָס וועט זײַן, בראַטישקע, ווײַטער,
„אַזוי איז שטאַרבן ניט קעדײַ.
„וואָס קאָן מען טון מיט אַזאַ הונגער
„און גיי אַרום און שלינג דעם ווינט,
„ווער קאָן איצטער מאַכן גרינגער,
„ווער קאָן ראַטעווען אַצינד?
„און הער, ווי ס'בעטן זיך די ציינער,

„ווּ נעמט מען איצט אַ שטיקל ברויט, ?
„דו זעסט, ווי ס'טריקענען די ביינער
„און געלער ווערט אַף מיר די הויט.
„דו זעסט, ווי ס'פאַלן איַין די אויגן,
„ווי ס'ציטערן באַ מיר די הענט.
„מיר זיַינען אויך אַמאָל געפלויגן
„און ריַיכע פּאַלעצן געברענט.
— „ניט שיין, ניט שיין איז איצטער קלאָגן
„און שטיל זיך שרעקן פאַרן טויט,
„אין וויַיטקייט פליען ערגעץ צוגן
„און פירן העמדער אונדז און ברויט.
„און גיך וועט אונדזער פאָלק זיך פרייען
„און ווידער בונטעווען פאַרשיַיט,
„עס בלאָנדזשען צוגן אין די שנייען;
„זיי זיַינען ערגעץ שוין ניט וויַיט.
„ניט שיין, ניט שיין איז איצטער קלאָגן
„און שטיל זיך שרעקן פאַרן טויט,
„דו הערסט, ווי ס'פיַיפן דאָרט די צוגן
„און פירן העמדער אונדז און ברויט.

. . . .

ווער האָט געקענט אָט דאָ זיך ריכטן
אַף אַזאַ בראָך אינמיטן נאַכט,
ווער ס'האָט געיאָגט מיט זיי ערשט נעכטן,
האָט היַינט די אויגן שוין פאַרמאַכט.
דער שרעק פלעגט וואַקסן אומגעהויער
און האָט געיאָגט און האָט געוויינט,
און אַלע טאָג מיט שטילן טרויער
האָט מען אַ קאָרבן שטיל באַלייט.

מ׳וואַרט, אַז עמעצער זאָל קומען,
נאָר קיינער קומט ניט כוצן טויט;
פרימאָרגנס רויכעדיקע שווימען
און ברענגען ברענגט מען ניט קיין ברויט.
קאָן זײַן, אַז ערגעץ בלאָנקען צוגן,
אַז ערגעץ רייניקט מען דעם שניי,
נאָר שווער איז שוין דעם הונגער טראָגן,
ס׳איז שווער דערוואַרטן זיך אַף זיי.

VIII

דער פאָלק האָט שוין אָן ברויט פאַרגעסן,
קיין שטיקל פלייש איז לאַנג ניטאָ.
אין דאָרף איז דאָ איצט וואָס צו עסן
אי ברויט, אי פלייש איז דאָרטן דאָ.
ס׳יאָגט אַ פריילעכער גערודער,
און שיקער פליט דער טונקלער טאָג;
דאָס דאָרף איז פול מיט גאַנטעס לידער,
נאָר ווײַט אין דערפל שטייט אַ קלאָג.
אַף קרומע כאַטקעס הענגט אַ טרויער
און דאָרטן ווייסט מען ניט קיין רו,
מ׳פירט אַוועק באַם אַלטן פויער
פון קליינער שטאַל די לעצטע קו.
די זון איז אָפגעשווומען ווײַטער
און זיך באַהאַלטן לעם אַ פלויט,
זי זעט פון ערגעץ פליט אַ רײַטער,
אַ רײַטער פליט אַהער נאָך ברויט.

אין טאָג אין האַרבסטיקן, אין שטילן,
איז קלאָר און דורכזיכטיק די הויך;
אַ רײַטער טרײַבט אַ פערד אַ דולן
און שטויבן הייבן אויף אַ רויך.
פון ווײַט האָט זיך אַ קאָפּ באַוויזן
און נאָך אַ קאָפּ אין גרינעם טאָל,
און ביקסן, ביקסן, לאַנגע שפּיצן,
און פרעמדע רײַטער אָן אַ צאָל.
נאָר איינער האָט זײַן פערד געטריבן
און פונקען בליצנדע געשיט,
אַז פאַר די פרעמדע איז געבליבן
אַ שוואַרצער שטויב פון ווילדע טריט.
מ'האָט זיך צעיאָגט פון אַלע זײַטן,
פון טויט האָט קיינער ניט געקלערט;
נאָר איינער שנײַדט די דולע ווײַטן
און טרײַבט זײַן הונגעריקן פערד.

. . . .

IX

מ'האָט אים געפּאַקט, מיט קאַלטע שפּיצן
געטריבן האָט מען אים אין סטעפּ,
און דאָרטן האָט מען אים באַוויזן
אַסאַך, אַסאַך באַקאַנטע קעפּ.
ער האָט דערקענט זײַן בלאָנדן שאָכן,
דעם פײַפנדיקן פעדקע כלאָפּ,
דער קערפּער זײַנער איז צעשטאָכן
און ווײַט פון אים זײַן בלאָנדער קאָפּ.

און ווײַטער ליגט יוכים צעצויגן,
ער האָט יוכימען באַלד דערקענט,
נאָר ווער האָט אים פֿאַרמאַכט די אויגן
און ווער האָט אָפּגעהאַקט די הענט.
פֿאַרוואָס-זשע קאָן ער ניט געפֿינען
יאַנסאָן, דעם לעצטן קאָמאַנדיר,
ער איז אין האַרבסטיקן באַגינען
אַוועק אין דאָרף אַרײַן נאָך ביר.
מ׳האָט אים פֿון דאַמלסט ניט געזעען;
געפֿלויגן זײַנען הייסע נעכט;
אין וואַלד, אין דעמבבענע אַלייען
האָט ער פֿאַלאָזט זײַן ווײַסן פֿערד.
זיי ליגן דאָ, ווי טויטע ריזן,
באַדעקט מיט שטויבן און מיט פֿראָסט;
. . . .
פֿון ערגעץ האָט מען זיך באַוויזן
און לאַנג אים ליגן ניט געלאָזט.
אַ קלונג, אַ קלאַפּ, מ׳איז געקומען
מיט שטומע פּענימער ווי שטיין;
מ׳האָט אים אין שטוב אַרײַן פֿאַרנומען
און דאָרט פֿאַרשלאָסן אים אַליין.

X

אין דרויסן האָט אַ ווינט אַ ווילדער
געיאָגט פֿון ערגעץ און געוויית,
און ווידער האָבן גרויע בילדער
פֿאַר אים זיך טרויעריק געדרייט.

ער האָט דערפילט, אַז אין די שנייען
אַמאָל פאַרלירן עפּעס לוינט;
אין טרויער פאַרגייען
איז עליע ניט געווען געוווינט.
זײַן שטילן גאנג האָט ער פאַרביטן
אַף אַ צעשויבערטן גאַלאָפּ,
און איז געוווינט, אַז ס'זאָלן שיטן
צעהיצטע קוילן אַף זײַן קאָפּ.
פאַרוואָס-זשע שלאָפן רייד פאַרשײַטע?
פאַרוואָס-זשע שווײַגן זײַנע הענט?
און ווידער האָבן בילדער ווײַטע
געדרייט זיך שנײַיק אַף די ווענט.
נאָר עפּעס קילט אַזוי אין האַרצן,
און עפּעס בריט אַזוי אין ברוסט,
די פענצטער וויגן זיך אין שוואַרצן,
די ליפּן ציטערן אומזיסט.
ווער האָט געוואַגט אַהער אים ברענגען,
אין ברוסט איז פולווער נאָך פאַראַן,
די האַנט איז גרייט נאָך שיסן, הענגען,
נאָר ווו ז'זײַן בלוילעכער נאַגאַן.
און טיף אין האַרצן טוט אַ ציטער,
און אַף די שטיינער פאַלט אַ טרער;
פאַר זײַנע אויגן שטייט זײַן מוטער,
פונוואַנען קומט זי עס אַהער?
און עפּעס ווערט אים אַזוי טײַער
פון יענע נעכט דער ליבער ראָש.
. . . .

ווער ס׳האָט די טעג פֿאַרבראַכט אין פֿײַער,
וועט זיך ניט שרעקן פֿאַרן אַש.

XI

הימלען דרעמלענדיקע שווײַגן —

. . . .

האָט מען געפֿירט אים קאַלט און שטום.
עס פֿלאַקערן די דינע צווײַגן,
און ס׳בליצט דער סטעפּישער ארום.
אין סטעפּ איז לופֿטיקער און פֿרײַער,
אין סטעפּ איז רויכעדיק און שוואַרץ;
מ׳האָט אים געפֿירט, אַ ברייטער פֿײַער
האָט שוין געוואַרט אַף עליעס האַרץ.
און ערגעץ ווײַט האָט מען געזונגען
אַ שטיל געזאַנג אינמיטן נאַכט;
און טונקלער פֿלאם האָט אַלץ פֿאַרשלונגען.

. . . .

אַן אַלטער ווינט האָט אַלץ געלאַכט,
די הויך איז שוואַרץ, די הויך איז נאָענט,
אַזוי דערברענט דאָס לעצטע האָלץ;
פֿון רויך פֿון קנויליקן און גראָען,
האָט ער זיך אופֿגעהויבן שטאָלץ.
און האָט אין ציטערניש דערזען
נאָר פֿאַסמעס פֿליענדיקן רויך,
נאָר פֿונקען בליצנדיקע ווייען
אין דער פֿאַרקילטער, שוואַרצער הויך.

. . . .

ז׳איז פול מיט שרעק און מיט סאַקאָנע,
און שיקערט טומלענדיק די קעפּ:
די נאַכט איז פרעמד, און די לעוואָנע
אַנטלויפט אַ ווייַסע פונעם סטעפּ.
ער האָט געוואָלט נאָר עפּעס זאָגן
נאָר עפּעס ציטערן די הענט...

. . . . . . , . . .

און ביז ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן
האָט מידער פייַער שוין דערברענט.
קאָטאָווסקיס פּאָלק אין שווערן הונגער
האָט אַפן ברויט זיך ניט דערוואַרט...

XII

אַף יענע פעלדער איז שוין גרינגער
ס׳האָט לאַנג פאַרענדיקט זיך די שלאַכט.
פון עליען איז אַ ליד געבליבן;
האָט זי דער סטעפּ אַליין געקענט;
זייַן פערד איז ערגעץ ווייַט פאַרטריבן
אין ווייַטע סטעפּעס אינדערפרעמד;
און ווו איז עליע ווייסט ניט קיינער,
קייַן גרוס האָט קיינער ניט געבראַכט.
אַ פרעמדער ווינט האָט זייַנע ביינער
צעווייט מיט אַש אין יענער נאַכט.

אין אַן אַלטן פּאָוויט

I

װען דרויסן איז שנייִק און װינטעריק,
איז הייסער און װײַסער מײַן ליד.
דערציייל איך אַ מײַסע אַ מונטערע
פֿון אַ פֿויערשן אַלטן פּאָוויט.

געלעבּט האָבּן פֿויערים קאָרענע
מיט װײַבּער, מיט פֿעלדער און פֿערד;
הונדערטער טויזנטער יאָרן
איז אַ הימל געהאַנגען אַף דר׳ערד.

געוויינט געווען זײַנען די פֿויערים
צו כּאַטקעס, צו פֿײַן און צו בּרויט;
אין שטעט האָט מען גאַסן און מויערן
געבּויט, און געבּויט, און געבּויט.

אין שטעט האָבּן גאַסן געבּונטעוועט,
מיט בּלוט האָבּן גאַסן געבּליט,
נאָר רויִק און שנייִק, און װינטעריק
געדרימלט האָט אַלטער פּאָוויט.

II

װעגן און װעגלעך אַנטלאָפּענע,
כאַטקעלעך טױבע װי נעכט,
װאָלקנס װי סװיטקעלעך שאָפּענע
פּוכיקע — הענגען אַף די ערד.

װען כאַטקעלעך צינדן אָן פֿײַערן,
װערן שליאַכן מיט נאַכט פֿאַרפּלײצט, —
געצאָלט האָבן פּױערים שטײערן
פֿאַר זיך און פֿאַר ערד און פֿאַר װײץ.

נאָר געפּאָרן זײַנען פּױערים זעלטן,
געיאָנטעװעט אינדערהײם אַף הײ.
ניט געװוּסט פֿון שטײנערנע װעלטן,
ניט געװוּסט פֿון שטאָלענעם װײ.

III

געלעבט האָבן אַלע אײגײנעם,
װי שטיבלעך פֿון אײן גאַס;
אַלע זונטיק פֿלעגן שכײנים
קנאַקן קערלעך און טרינקען קװאַס.

פֿלעג מען זיצן, דערצײלן און הערן,
האָבן װענט אינדערפֿינצטער געבליט,
ביז דער דאָרפֿישער הימל פֿלעג װערן
מיט זילבערנעם װײץ באַשיט.

פליען כאַדאָשים און יאָרן
גרינגער און גיכער פון שניי.
געטאָגט אַף פעלדער מיט קאָרן,
גענעכטיקט באַנאַכט אַף היי.

און שטענדיק געזייט און געמאָלקן
פאַר פרעמדן ניט-דאָרפישן גליק.
פלעגן שווימען אַף הימלען וואָלקנס,
ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק.

האָט געוואָקסן אַף פעלדער דער צאָרן,
באַהאַלטן אין ברויטן געבליט.
און אַזוי הונדערטער יאָרן
אינעם פויערשן אַלטן פאָוויט.

IV

פלעגן בעהיימעס זיך קעלבן
אין שטאַל אַף פרישער שטרוי,
און אַלע יאָר דאָסזעלבע,
און אַלע יאָר אַזוי.

זײַנען קעלבלעך געוואָקסן,
געמערט זיך פון יאָר צו יאָר.
באַ קינדער ווערן ברייטער די אַקסלען,
באַ אַלטע ווערן גרויער די האָר.

זײַנען לידער אין גערטנער געשווומען
פון פאַרטאָג ביז באַנאַכט.
פלעגן שקאָצים און שיקסעס קומען
און גאַנצע נעכט פאַרבראַכט.

זוכן פויערטעס טעכטער,
רופן ביז גרינעם פאַרטאָג.
פלעג זיך קײַקלען אַ יונגער געלעכטער
אין אַלע ווינקלען פון סאָד.

און ווײַט דאָרט נאָך כאַטקעס און פלויטן
שטייען ציילעמער שוואַרצע צעשטעלט,
וואַרטן אַף אַ נײַעם טויטן,
וואָס מ׳עט ברענגען אין פעלד.

V

צווישן כאַטקעלעך, פעלדער און פויערים
אינעם אַלטן פּאָוויט,
אין אַ ווײַסן צווייגאָרנדיק מויערל
האָט געוווינט אַ ייִד.

געזייט ווייץ און געדשטן
מיט אַלע פויערים גלײַך,
פראָסט געהייסן הערשקע,
נאָר זײַן שטוב האָט אַ בלעכענעם דאַך.

און אונטערן דאַך אין אַ ווינקל
אַ שענקל, אַ אומעטיקס, שטייט,
פלעג דאָס מויערל פינקלען
אַף דער גאַנצער דאָרפישער ברייט.

הערשקע האָט ליב געהאַט פויערים,
ווײַל אַף פעלדער האָט קאָרן געבליט,
נאָר דאָס ווײַסע צווייגאָרנדיק מויערל
איז געשטאַנען אינדערמיט.

VI

ניט ווי פראָסטע, דאָרפישע מיידלעך
האָט זײַן טאָכטער שפּאַצירט,
די טאָכטער האָט שטאָטישע קליידער
און שטאָטישע שיך.

פּעטראָ איז אַ יונגער און געזונטער,
אַ פרישער ווי שניי און ווי ווינט.
און פאַרנאַכט באַ דער הרובע ווינטער
קושט ער זי, ווי אַ קינד.

איז דער טאַטע ניט צופרידן,
און די מאַמע זאָגט אויך אַזוי, —
ס'פּאַסט ניט פאַר ייִדן
זיך קושן מיט אַ גוי.

פלעגן שקאָצים לאַכן
פונעם יונגן פּעטראָ;
אַף אונדזערע דאָרפישע שליאַכן
זיינען געגנוג אונדזערע דאָ.

VII

איבער פעלדער איז געגאַנגען אַ גערודער,
האָבן ווײַטן געבליצט און געשאַלט;
זײַנען שטילער געוואָרן די לידער,
איז שטילער געוואָרן דער וואַלד.

ווער אַף גאַסן אין פרעסט פלעג ווינטערן,
און געזייט, געמעלייצעט אומזיסט;
דאָס קאָרענע לאַנד האָט געבונטעוועט —
ערגעץ ברענט, און מ׳שיסט, און מ׳שיסט...

פאַר הונגער, פאַר ווײ און פאַר שווערדן,
פאַר נעכטן, פאַר הײַנט און אַמאָל —
פאַר פרעמדע פאַרהונגערטע ערדן
דאָס קאָרענע לאַנד האָט געצאָלט.

אַף פעלדער, ווו דאָרף האָט מעלייצעט,
ווו דאָרף האָט געאַקערט, געזייט,
ליגן צעטראָטענע ווייצן
מיט רויכן און שטויבן פאַרוויט.

VIII

װען דאָרף איז אין נאַכט און אין שװײַגן געליגן,
איז געקומען אַ מאַכנע פֿון װעג,
מיד איז די מאַכנע פֿון גאַנג און פֿון װעגן
און הונגערט שוין עטלעכע טעג.

כאָלעמען הײַזלעך, כאָלעמען שטאַלן.
דאָרף איז פֿאַרבליבן אַף פֿעלדער אַליין.
מיד איז די מאַכנע פֿון פֿעלד און װאָקזאַלן,
מיד פֿון געלעגערס אַף ערד און אַף שטיין.

אַף פֿינצטערע שליאַכן פֿון פּריצישע כורװעס.
שטײען אַמבאַרן אַף שלעסער פֿאַרשפּאַרט,
די מאַכנע איז נאַקעט, די מאַכנע באָרװעס,
און שלאָפֿט ניט צװועלעפּטע נאַכט.

שלעסער צעקלאַפּט און אַמבאַרן געשפּאָלטן
פֿאַר נעכט און פֿאַרהונגערטע טעג,
װען ס'האָט זיך די נאַכט אין די טאָלן באַהאַלטן
איז די מאַכנע געװען שוין אין װעג.

IX

הײַנט מאַכנאָ און מאָרגן פּעטליורע,
ערשט געװען און שוין ניטאָ.
װאָס אַ מאָל האָט געדױערט יאָרן,
איז הײַנט אין איין שאָ.

נעכטן שוואַרצע און מאָרגן רויטע,
גיך איז טאָג און גיך איז גאַנג,
היינט געגאַנגען און מאָרגן געטויטע —
אַף אַ בוים צי אַף אַ שטאַנג.

אַלטע פויערים מיט אַלטע ווייבער,
לאַנג איז ברעג פון אַלטן דניעפּ;
ווער וועט גייען און ווער וועט בלייבן,
ווער אַפן אויוון און ווער אין סטעפּ?

X

אַרמייען, דיוויזיעס, פּאָלקן,
רייטער אַף פערד און רייטער אַף פערד.
אַלע טאָג ווערן שוואַרצער די וואָלקנס,
אַלע טאָג ווערט רויטער די ערד.

פלאַם און רויך און פאַרבלוטיקטע שטאַנגען
אין פאַרכאָלעמטן שטילן פּאָוויט;
אַלע טאָג ווערן בלוטיקער קלאַנגען,
אַלע טאָג ווערן בלוטיקער טריט.

וועמען פּאָלגן און וועמען הערן?
גרייט זיינען שטריק און שאַרף איז די שווערד.
ערגעץ וואָיען אַף פעלדער נאָך בערן,
און סע שרייט און סע וואָיעט די ערד.

ווּהין און מיט וועמען גייען,
ווען דער דניעפּר איז רויט.
דיוויזיעס, פּאָלקן, אַרמייען.
אוקראַינע. בלוט. קויט.

XI

שטייט פאַרשלאָגן דער איינזאַמער קלויסטער,
גייען פּויערים צום גאַלעך געהיים,
קומט אַ זונטיק, אַ יאָנטעוו אַ גרויסער, —
דאַוונען באַטראַקעס אינדערהיים.

ערשט אַ סכאָד און נאָכאַמאָל אַ מיטינג,
ערשט אַ מיטינג און אַ סכאָד;
קומען אָן כאַווירים פון פּאָוויטן,
קומט אַ כאַווער פון דער שטאָט.

ווערטער ווײַטע, קורצע שווערע —
לויד-דזשאָרדזש, יודעניטש און קאָלטשאַק,
שטייען פּויערים און הערן, און הערן,
און קוקן אַף זײַן לעדערנעם פּידזשאַק.

לויפן אַלטע, נײַע קומען,
הענגען שטאָלץ נאַקאַזן אַפן פּלויט —
ערד באַ רײַכע פּויערים פאַרנומען,
ערד און פעלד און קו און ברויט.

זײַנען פּריצים פֿון דערפֿער אַנטלאָפֿן,
איז געפֿאַלן דער ערשטער שניי.
אַ באַפֿעל איז געקומען פֿון צאָפֿן,
אַ באַפֿעל פֿון דער רויטער אַרמײ.

אַ באַפֿעל פֿאַר אַרבעטער און פּויערים.
איז געפֿאַלן דער באַפֿעל, ווי אַ שטיין;
האָט דאָס דאָרף זיך געוואָרפֿן אין מוירע,
אין פּאָוויט איז געווען אַ געוויין.

ווער פֿון פֿרייד און ווער פֿון טרויער
(ווײַל מענטשן איז דאָ אַלערליי),—
אַלע יונגע געזונטע פּויערים
זײַנען אַוועק אין אַרמײ.

אַוועק איז אַ וואָך און אַ כוידעש.
אײנעם געגנט האָט מען דערהערט:
שטיל האָבן זיך דערפֿער געסוידעט
מ׳וועט פֿאַרנעמען צוריק די ערד.

און פֿרויען וועט מען אויך פֿאַרנעמען
(מ׳מוז פֿאַר דער רויטער אַרמײ),
ווײַל ס׳איז דאָ אַ ייִד אַזאַ לעניִן,
און לעניִן וויל אַזוי.

XIII

פלעגן פעלדער מיט צאָרן זידן
און אַזוי פון פּאָוויט צו פּאָוויט.
שולדיק זײַנען קיטײַצעס און ייִדן,
און הערשקע אונדזער ייִד
אינדערמיט.

האָבן אַלע די סעדלעך געטראָטן,
האָט אין דאָרף אַ שוידער געיאָגט;
— „ייִדן טויטן האָט גאָט ניט פאַרבאָטן", —
האָט דער עלטסטער פון אַלע געזאָגט.

ווערן פענצטער פינצטערער. טויטער,
אונטער גאַרטלען ווערן מעסערס צעבליט;
און דער דרויסן איז גרוי און צעבויטעט
פון קוילעס און קויטיקע טריט.

XIV

דאָס דאָרף איז איצט שווער צו דערקענען
פאַרוואַלגערט, פאַרמעקט איז דער שליאַך,
הײַזעלעך סמאַליען זיך, ברענען
פון גאַנצפרי ביז באַנאַכט.

און באַנאַכט, ווען דאָס דאָרף איז געשלאָפן,
זײַנען ווינטן געלאָפן קאַלט,
איז פּעטראָ מיט די ווינטן געלאָפן
מענטשן באַהאַלטן אין וואַלד,

מענטשן פון שטיינערנעם מויערל.
נאַכט. שניי. טויט.
ווינטן פאַרבלוטיקטע טרויערן,
שניי איז ניט ווײַס —
רויט.

האָט פראָסטיקער פרישער באַגינען
אין וועלדער מיט פרישקײַט געוויייט,
האָבן פויערים קאַלטע געפונען
דרײַ מענטשן פאַרווייט און פאַרשנייט.

XV

דרימלען כאַטקעס מיט שטרויענע דעכער,
אַלע קליין, אַלע גרוי, אַלע גלײַך —
איז ניטאָ שוין קײַן שטוב, וואָס איז העכער,
קײַן שטוב מיט אַ בלעכענעם דאַך.

גייען שיקסלעך שפּאַצירן אַלע זונטעק.
גלײַך. רויט. פּראָסט.
שווימט פון פעלדער אַהיים שוין דער ווינטער,
ליגן סטעפּעס פאַרלאָזט.

זײַנען ערדן און סטעפּעס שוין אַלעמענס,
וואַשט דער פרילינג דעם לעצטן קויט,
פאָרן פויערים אַף ווײַטע וואָקזאַלן,
פירן זעק מיט אייגענעם ברויט.

דרימלען כאַטקעס מיט שטרויענע דעכער.
קליין, גרוי, גלײַך.
איז ניטאָ קײַן שטוב, וואָס איז העכער,
קײַן שטוב מיט אַ בלעכענעם דאַך.

XVI

ווען דרויסן איז שנייִק און ווינטעריק
איז הייסער און ווײַסער מײַן ליד,
מײַן ליד ווי ס'האָט פינצטער געבונטעוועט
אַ פּויערשער אַלטער פּאָוויט.

געווען איז די מײַסע אַ שטענדיקע
אומעטום. אומעטום. אומעטום.
די מײַסע איז לאַנג אַ געענדיקטע
נאָכן לעצטן באַפעל פון דער זון.

זײַנען לידער שוין אַלע געזונגענע,
זײַנען ווערטער שוין אָרעם און קאַלט,
סאָסנעס פאַרבלוטיקטע קלינגען ניט,
ס'קלינגען די העק אינעם וואַלד.

אַף שפּיק-קלויסטערס ווו זילבער איז טרויעריק
הענגט אַ בלויער באַרויִקטער יאַם,
יעדער דאָרף האָט אַ כאַטקע, אַ שטרויענע
מיט אַ טונקעלן שילד: „קאָמנעזאַם".

יאָסל שינדער

I

אין שטעטלעך זײַנען מענטשן בלינדע,
יעדער בלינדער שטײט און היט זײַן קלײט.
יאָסלס טאַטע איז אַ שינדער
און די מאַמע נײט.

שלאָפן נאָך שכײנים
פון יענער זײַט שוועל.
גײען בײדע אינײנעם
שינדן פעל.

פון דאָרף און פון שטעטלעך,
פון יענער זײַט בריק
פירט מען אָקסן
אַף שטריק.

געווײנט איז יאָסל
צו אָקסנס געשרײ —
די פעל אַ שינד —
דעם האָרן — אַ דרײ.

די פעל אַ ריס,
מיטן מעסער אַ שניט.
פריש איז רויך
פון אָקסענעם בלוט.

אָקסנס ריטש
אין שטאַל און אַף וועג,
פול זײַנען שטעטלעך
מיט אָקסענע טעג.

II

זײַנען אָקסענע שטאַלן
פאַרקלאַפּט און פאַרמאַכט,
איז אַ גאַנצער באַפאַלן
די בוינע באַנאַכט.

שאָרכן גרעסער
אין הויף —
כאַפּט ער זײַן מעסער
און לויפט.

דאָס מעסער פינקלט,
און הויך איז די שוועל,
אַ מענטש אַ טונקלער
פאַלט אַף פעל.

שוואַרץ איז ערד,
בלוט איז רויט,
וואַרט אַ פערדל
לעם פּלויט.

אָקסענע שטאַלן
פֿאַרקלאַפּט און פֿאַרמאַכט,
איז אַ גאַנעוו געפֿאַלן
אין בוינע באַנאַכט.

III

ערגעץ לויפֿן דולע עשעלאָנען,
דאָרטן ווײַט לעם אומעטיקן באַן,
און פֿון פעלדער איז געגאַן זעליאָנע
דער אוקראַינער ווילדער אַטאַמאַן.

ערגעץ זיצט מען, ערגעץ וויינט מען, ערגעץ וואַרט מען:
ווער אין קעלערס, ווער אין קלייט און ווער אין באָד, —
אוי, זעליאָנע מיט זײַן גרינעם גאַרטל
פֿירט זײַן ווילדע מאַכנע אַף דער שטאָט.

וואָס קאָן טון אַ גאַקעט שטעטל,
שוידערט שרעק אַף יעדער שטיין,
לויפֿן ווײַבער אַף בייסוילעם בעטן,
זאָגן ייִדן טילים איינדערהיים.

ערגעץ לויפן דולע עשעלאָגען,
דאָרטן ווייַט לעם אומעטיקן באַן,
און פון פעלדער איז געגאַן זעליאָנע
דער אוקראַיִנער ווילדער אַטאַמאַן.

IV

דאָס שטעטל איז באַרינגלט פון אַלע פיר זייַטן,
מ׳גייט און מ׳לויפט און מ׳פליט.
הייַנטיקע נאַכט ווערט מען אַלע צעבייַטן.
מענטשן. גוואַלדן. טריט.

דאָס שטעטל איז באַרינגלט פון אַלע פיר עקן.
מענטשן. גוואַלדן. נאַכט.
מ׳טאָרניט, מ׳טאָרניט, מ׳טאָר זיך ניט שרעקן, —
דער טויער פון שטאָט איז פאַרשפאַרט.

זיי זייַנען שוין דאָ אומעטום אין די הויפן,
הייַזלעך צעשראָקן און שטום.
מ׳טאָרניט, מ׳טאָרניט, מ׳טאָרניט אַנטלויפן —
זיי זייַנען שוין דאָ אומעטום.

דאָס שטעטל באַרינגלט פון אַלע פיר עקן.
נאַכט, נאַכט און נאַכט.
מיט הענט און מיט מעסערס, מיט טעפּ און מיט שטעקנס,
אַף גאַסן און געסלעך.
שלאַכט.

V

אַלע טאָג, אַלע פרי גייען קלאַנגען,
זײַנען הײַזער און קלייטן פאַרשפּאַרט.
באַנאַכט האָט מען ווידער געהאַנגען,
באַנאַכט.

ווער קאָן בעסער די טירן פאַרשליסן
און די פענצטער פאַרהאַקן שטאַרק,
אַלע טאָג פירט מען מענטשן שיסן
אַף אַ באַרג.

גורען זיך שטיבלעך ווי קינדער
ווהין און צו וועמען אַוועק?
טעג ווערן בלינד און בלינדער.
שרעק.

VI

די האַרבסטיקע זון
דערברענט.
אַ שטעטל
מיט ליידיקע הענט...

ווער ס׳האָט מוירע — גיי,
ווער ס׳וויל שלאָפן — שלאָף,
מע וועט אַלעמען קוילן
ווי שאָף.

באַהאַלטן קינד און ווײַב.
ווער ס׳וויל לויפן — לויף.
ווער ס׳וויל בלײַבן — בלײַב
דאָ
מיט אונדז
אין הויף.

פון הויף זײַנען אַלע אַוועק.
גרויס איז די שרעק,
געבליבן איז נאַכט —
און אַכט.

די האַרבסטיקע זון
האָט לאַנג שוין דערברענט.
אַכט
מיט קורצע הענט.

ווער ס׳קאָן שיסן — שיס!
ווער ס׳קאָן שנײַדן — שנײַד!
דער סוינע איז ניט ווײַט.

VII

אין שטעטל איז פינצטער,
אין שטיבל איז נאַכט.
דאָרט איז הונדערט,
דאָ איז אַכט.

שליסן די פענצטער
און לעשן די שײַן,
וואָס וועט זײַן —
וועט זײַן!

גרויס איז דער צאָרן
גרויס,
יאָסל,
פֿאָרויס!

זיבן נאַגאַנעס,
אַ שטומפּיקער שווערד,
אַכט רײַטערס,
אַכט פערד.

יאָסל שינדער,
היט זיך פֿאַר נאַכט,
דאָרט איז הונדערט —
דאָ איז אַכט.

VIII

אָפּגעבערענטע ווענט מיט קרומע לעכער,
מיט צעפּאַטלט שוואַרצע פלעקן.
— — — — — — — — — —

פון פֿאַלנדיקע ווענט
דער בלעך זיך רײַסט, פֿאַרקריצט מיט וויי.

אַ פֿײַער
האָט אַ גאַנצע נאַכט
געפּאַטשט מיט ווילדע פֿליגל
איבער זיי.
— — — — — — —

זיי שטייען שוין דרײַ טעג אונטער די ווענט
מיט גלאַנצנדיקע אויגן,
מיט מידע בלוטנדיקע הענט.
און ווייסן ניט דעם אָנהייב,
ניט דעם סאָף
פֿון זייער שלאַכט.
אָפּגעבּרענטע ווענט מיט קרומע לעכער.
נאַכט.

IX

אַ נאַכט און אַ נאַכט און אַ נאַכט.
לויפֿן צעשויבערט מעסלעסן.
מיר האָבן שוין אַלע די שלאַכט
אין ליכטיקן דרימל פֿאַרגעסן.

יאָסלס טאַטע איז אַלט, איז אים שווער
די אָקסן די שווערע צו שינדן,
און דער זון איז באַנאַכט אַף אַ פֿערד
אין פֿינצטערניש ערגעץ פֿאַרשווונדן.

דאָס שטעטל געדענקט יענע נאַכט
און מאַמעס דערציילן די קינדער
די מײַסע פון רויך און פון שלאַכט,
די מײַסע פון יאָסל דעם שינדער.

X

נאָך לאַנגע פאַרויכערטע וועגן
אין לעצטן פאַרדרימלטן שטראָם,
איך האָב אים באַגעגנט
ניט לאַנג אין גובקאָם.

אַלי-בען

I

אין אַן אַלטן אַול באַ איַי-פּעטרי,
ניט וויַיט פונעם צאַרטן גורזוף
האָט נאָך קינדוויַיס אַלי-בּען געקלעטערט
און געפּאַשעט פרעמדע שאָף.

און מוסטאַף — זיַין אַלטער פאָטער,
מיט זיַין אַלטער מוטער מאַריאַם
— טאָטערן, ווי אַנדערע טאָטערן,
באַ בּרעגן פון שוואַרצן יאַם.

איז אַלי-בּען געוואקסן אין שטויבּן,
אין זון, אין בּערג, אין קויט;
געגרייט פאַר פרעמדע — טרויבּן,
געזייט פאַר פרעמדע בּרויט.

און פאַרנאַכט, ווען די זון פלעגט זיך זעצן,
פלעג נאָך דרימלען דער לעצטער פלאַם,
האָט גענומען אַלי-בּען זיַינע נעצן
און געגאַנגען צום שוואַרצן יאַם.

II

האָבן אין אַולן פֿאַרשפּרייט זיך קלאַנגען,
גרייטן זיך טאַטערן ווידער צו פּײַן;
— אינגיכן וועט קומען וראַנגעל,
פֿאַרנעמען שאָף און ווײַן.

רוישן כוואַליעס, הוידען זיך ברעגן,
יעדער טאָג איז גרויזאַם און וויסט,
אַלי־בען ווייסט אין קרים אלע וועגן,
אַלי־בען האָט געניטע פּיס.

רופֿט צונויף אַלי־בען א זיצונג
אין אַול לעם צאַרטן גורזוף:
— קיינמאָל ניט געבן די פּריצים
די בערג און די שאָף.

קיינמאָל ניט געבן. ניט געבן!
זאָל לעבן דער פּאַסטוך אלי־בען!
אַזוי איז פֿאַרשריבן.
און אזוי איז געווען.

III

ווען אלי־בענס פֿאָלקן שפּאַנען אין די טאָלן,
שאָקלען זיך די פֿעלזן שווער און אַלט,
אין די ווייכע אָוונטן סוידען זיך אַולן,
שווימען שווערע קלאַנגען אום פֿון וואַלד צו וואַלד.

אין סאַמעטענע שאָטנס דרימלען קיפּאַריסן
און דער יאַם איז טונקל, הוידעט זיך און וואַרט.
ווייסן אַלע טאָטערן, מ׳וועט שוין ווידער שיסן,
וועלן בערג זיך טרייסלען שוין אַ גאַנצע נאַכט.

אף דעם באַרג אַי-פּעטרי רוען מידע וואָלקנס,
פונם באַרג אַי-פּעטרי פאַלן שווערע טריט,
אלי-בען גייט ווידער מיט די שטרענגע פאָלקן,
מעגן אלע שלאָפן רויק ביז גאַנצפרי.

IV

אלי-בען האָט טוטין געטריקנט,
האָט אַזע אַ טשאַדרע גענייט,
האָט אַזוי לעם ברעג זיך געוויקלט
אַזאַ הייסע און פראָסטע פרייד.

אלי-בען איז מיט פאָלקן געגאַנגען,
האָט אַזע אינדערשטיל געוויינט,
זיך געבלאָזן אף פריצים און וראַנגעלן
און געזעסן פאַרנאַכט אינדערהיים.

איז די לעוואָנע מיט הערנער געשווומן.
די לעוואָנע איז קליין און ווײַט.
ווער ווייסט צי אלי-בען וועט קומען
און זי קושן פאַרשײַט.

V

געדענקט זי אים מיט פריילעכע מאַטראָסן,
געדרויכערט און פאַרביסן מיט שאַשלעק;
און נאָכדעם האָט מען גאַנצע נעכט געשאָסן,
און נאָכדעם פלעגט מען שיסן גאַנצע טעג.

וואָלט אַזע פאַרקעמט די שוואַרצע לאָקן, —
איז די זון הײַנט טונקל און איז קאַרג,
לויפן שוואַרצע שעפעלעך צעשראָקן,
אָן אַ פאסטוך, פונעם הויכן באַרג.

זינגען כוואַליעס דאָרט בײַ בויגן
אַזאַ שטילן טאָטערשן געזאַנג;
און ניט ווײַט אויף אומבאַקאַנטע וועגן,
הערט אַזע אַזאַ באַקאַנטן גאַנג.

וועט ער מער ניט קומען מיט מאַטראָסן,
ווייט איז ער אין ווײַטן וועג,
האָט מען ווידער גאַנצע נעכט געשאָסן,
פלעגט מען ווידער שיסן גאַנצע טעג.

VI

גייען וואָלקנס אין די בערג, ווי שטענדיק,
שטילע וואָלקנס, ווי זאַטע שאָף;
האָבן דען בערג אַן ענדע,
האָבן דען וואָלקנס א סאָף.

גוט איז, ווען רויטע פונקען
שטעפּן דעם לײַוונט פון נאַכט;
געקומען אַ מענטש אַ טונקלער
פון ווײַט אַ בריוו געבראַכט.

קומען מענטשן ווײַטע פון צאָפן,
קאַלטע און הייסע, ווי פראָסט.
איז וואַנגעל פון קרים אַנטלאָפן
בערג און יאַם פאַרלאָזט.

VII

קומט פונוואַנען אָן אַ טאָג אַ בלויער,
קומט פון הייך און פאַלט אין יאַמען-טיף.
קיינער ווייסט ניט פון אַזעס טרויער,
קיינער ווייסט ניט פון איר לעצטן בריוו.

ווערטער ליבע ווערן ניט פאַרלאָרן
סעליאַם אַלייקעם, אַלייקעם סעליאַם.
שווימען טעג אַזוי, כאַדאָשים און יאָרן,
שווימען טעג, ווי שליופּקעס אפן יאַם.

קומט פונוואַנען אָן אַ טאָג אַ בלויער
שטייען אויף אַולן פונעם שלאָף;
הייבן זיך אף בערג אַלץ גרוי און גרויער.
שטילע פאַסטוכער מיט זאַטע שאָף.

VIII

גיסט דער הימל זיך אין טונקעלע בערג,
זײַנען בערג אי װײַס, אי גרוי, אין גרין;
גייט אהיים אַן אַלטער, אַלטער טערק
טראָגט אַ זאַק פאַרבליבענעם טוטין.

אינדערהיים שוין קיינעם ניט געלאָזט,
ערגעץ װײַט שוין זײַנען זײַנע זין;
איז געבליבן נאָר אין לײַב אַ װײַסער פראָסט
און דער זאַק פאַרבליבענער טוטין.

פאַלן שאָטנס פון די טונקלע בערג,
און פונויבן פאַלט אַ װייכער װינט:
גייט אהיים אַ הונגעריקער טערק.
גייט און גייט און בלאָנדזשעט, װי א קינד.

לעם אַי־פּעטרי אף א פעלזן־מיט
זיצן שטילע, גרויע מענטשן צװיי;
פונדערװײַטן צייכנט האַרבסט נאָך זײַנע טריט,
נאָר אף הייכן דרימלט שוין א שניי.

IX

ניט דער יאַם האָט געדרושט און געשטורעמט, —
ס'האָבן טאָטערן אַן אופרוף געליינט;
ניטאָ שוין קיין רײַכע און אָרעמע,
ניטאָ שוין קיין גרויס און קיין קליין.

אַלע ווײַנגערטנער, סעדער און רינדער
אַלע הײַזער, און בערג, און שאָף —
געהערן אויף שטענדיק די קינדער
פון טאָטערשן קלײנעם גורזוף.

און אַלץ, וואָס איז נעכטן פאַרבליבן,
האָבן זונען פון דאָרעם פאַרברענט: —
דעם אופרוף האָט אונטערגעשריבן
סעקפּאַרקאָם אַלי־בען.

X

אין אַן אַלטן אַול בײַ אַי־פּעטרי
ניט ווײַט פונעם צאַרטן גורזוף,
האָט נאָך קינדווייז אַלי־בען געקלעטערט
און געפּאַשעט פרעמדע שאָף.

ווער האָט פּריצים פון אַולן פאַרטריבן
און צעטײלט די בערג און די זון...
אַלי־בען האָט אַ באַפעל געגעבן
האָט גורזוף אַזוי געטון.

ווער קאָן ניט אין קרים אַלי־בען'ען
מיט אַ האַרץ, וואָס ברויזט און שטראָמט,
מיט אויגן, וואָס ברענען
אין טונקעלן הויז פון פאַרקאָם.

נאָר פֿאַרנאַכט, ווען די זון פֿלעג זיך זעצן
פֿלעג נאָך דרימלען דער לעצטער פֿלאַם.
האָט גענומען אַלי-בען זײַנע נעצן
און געגאַנגען צום שוואַרצן יאַם.

יאטן

סיביר,
אוראַל,
קאַלוגע און טריפּאָליע
מיט הייסן בלוט אין הייסן לײַב צעבליט—
כ׳בין אומעטום
אַ הייסער קאָמסאָמאָליעץ
מיט יונגע
זינגענדיקע טריט.

אין פעלד, אין דאָרף, אין רויכן און אין שאַכטן,
וווּ יעדער שאָ איז גרייט פאַר נײַעם גליק—
דער הייסטער מיטן שווערד אין יונגע שלאַכטן,
דער הייסטער
מיטן האַמער אין פאַבריק.

אין טעג אַזוינע יונגע,
אין טעג פון פראָסטן וווּנדער,
אין יעדער שפּאַן אַף אונדזער גרויסער ערד—
נאָר מיר, נאָר אונדז, נאָר באָרוועס-גרויע קינדער

דאָס נעכטיקע
צעשיסן איז באַשערט.

סיביר,
אוראַל,
קאַלוגע און טריפּאָליע
מיט הייסן בלוט אין הייסן לייַב צעפּליט—
כ׳בין אומעטום אַ הייסער קאָמסאָמאָליעץ
מיט יונגע זינגענדיקע טריט.

דאָרט באַם גרענעץ, דאָרט באַם פעלד
שטייען יאַטן אויסגעשטעלט.

קיינמאָל דאָרשטיק, קיינמאָל מיד
שטייען יאַטן און מע היט.

דאָרט באַם גרענעץ יאָגן פערד
גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט.

ווער אַ יאַט איז דאַרף זײַן גרייט
אי פאַר טרויער, אי פאַר פרייד.

ביקס אַף פלייצע, שווערד אין הענט
אויגן שטענדיק ווײַט געווענדט.

קיינמאָל דאָרשטיק, קיינמאָל מיד,
שטייען יאַטן און מע היט.

שווער איז איצטער אונדזער צײַט,
ביקס אַף פלייצע, ביקס באַ זײַט.

ציטערט בלוט אין הייסן לײַב:
— „אָדער שטיי דאָ, אָדער גלײַב״!

דאָרט באַם גרענעץ, דאָרט באַם פעלד
שטייען יאַטן אויסגעשטעלט.

קיינמאָל דאָרשטיק, קיינמאָל מיד,
שטייען יאַטן און מע היט.

שטייט אַ צוג. וואַגאָגען און וואַגאָנען.
באַם אריַינגאַנג ליגט אַ מידע נאַכט.
כעוורע. מיידלעך. רייען. פאָנען.
קאָמיוגיסטן פאָרן אַפן שלאַכט.

קומט מען. שטייט מען. ביז מע וועט באַלייטן
אַף די פראָנטן כעוורע פון קאָמיוג;
נאָכדעם וועט אין סטעפּ אין קאַלטן און פאַרשנייטן
יאָגן ערגעץ וויַיט אַ שוואַרצער צוג.

גוט איז דאָרט, ווו ס'ניטאָ קיַין שוועלן,
גוט און פריַי איז נאָר אין וויַיסן סטעפּ.
קאָמיוגיסטן, ביקסן און שינעלן
מיט בודיאָנעס היטלען אַף די קעפּ.

לויפט אַ צוג. וואַגאָנען נאָך וואַגאָנען,
נאָכן צוג לויפט נאָך אַ מידע נאַכט,
שריַיען יאַטן. זינגען יאַטן. ווייען פאָנען.
קאָמיוגיסטן פאָרן אַפן שלאַכט.

שלאַכט אַף פעלדער. שלאַכט לעם יעדן טויער.
הײַזלעך פלאַקערן די אַכטע נאַכט.
איז אין שטעטל יעדער שטיין פאַרטרויערט,
יעדער טיר פאַרשלאָגן און פאַרשפאַרט.

אינעם שטעטל הוליען ראָצכים שכיינים,
צינדט מען, הענגט מען שוין דעם אַכטן טאָג,
זײַנען שטויבן בלוטיק אַף די שטיינער,
זײַנען פענצטער פינצטער אין קאָמיוג.

האָבן יאַטן זיך צעשאָטן און צעזייט זיך
אומעטום צעוואָרפן און צעזייט.
ווער ס'האָט נעכטן אין קאָמיוג געפרייט זיך
איז אין טפיסע, איז אין קעלער, איז אין קייט.

מאַמעס קלאָגן, טאַטעס וויינען, ברידער לויפן.
ניט קײן נעכטן, ניט קײן מאָרגן, ניט קײן טאָג.
ראָצכים הוליען הײַנט אין אַלע הויפן,
זײַנען פענצטער פינצטער אין קאָמיוג.

שטייט דער וואַלד, ווי שטענדיק הויך און טונקל,
דרימל׳ען בוימער שטיל און שטאָלץ,
טיף אין וואַלד אַ קאַלטער פײַער פינקלט,
ווײַט אַ סקריפּ פון לעצטע פורן האָלץ.

שלאָפט דער וואַלד אין אומעט פון אַ טפיסע,
פאַלן קלאַנגען אינעם שטעטל: איינס און צוויי.
מ׳האָט געבראַכט אַ כעוורע אַף צעשיסן
ליגן אויסגעבונדן יאַטן אַפן שניי.

וויינט דער וואַלד אַף אומגליק פון זײַן שטעטל.
יאָגן רײַטער שיקער אַפן בריק.
קאָמיוגיסטן קאָנען ניט באַ סאָנים בעטן.
וואַרט מען אַף אַ קויל צי אַף אַ שטריק.

שטייט דער וואַלד, ווי שטענדיק, אין זײַן שווײַגן.
קאָמיוגיסטן בלײַבן שטענדיק שטאָלץ.
טאַנצן שאָטנס שוואַרצע אַף די צווײַגן,
און פון דערפער פאָרט מען שוין נאָך האָלץ.

אַף דעכער, אַף הויכע אַ פינצטערער דאַך,
אַ באַשפּריצטער מיט שטערן.
אין בוימערשע רייען אַ שליאַך.
אַפן שליאַך אַ לאַמטערן.

אין בוימערשע רייען אַ שליאַך.
אַפן שליאַך זײַנען מענטשן געגאַנגען,
האָבן קוילן זיך פּלוצלינג צעבליצט און צעהילכט
אין געמיש מיט געזאַנגען.

האָבן גאַסן זיך פּלוצלינג צעיאָגט.
האָבן מענטשן געיאָגט און געפלויגן
מיט ווי אין די קעפּ, מיט בלײַ אין די הענט,
מיט טויט אין די אויגן.

האָט דאָס שטעטל גערוישט און דאָס פעלד, און די ווײַט
האָט געהילכט מיט האַרמאַטן,
צו הילף איז פון דערפער געקומען אַ פּאָלק
מיט קאָמיוגישע יאַטן.

געקומען פון דערפער מיט קאָרענע הענט
און מיט האַס און מיט פולווער.
האָט דער שלאַכט זיך צעפלאַקערט נאָך הייסער,
נאָך שטרענגער, נאָך ווילדער.

האָבן פויערשע קוילן געריסן די נאַכט
און געצונדן די שטאַנגען.
האָט דער פויערשער פאָלק די האַרמאַטן
איינינעם מיט סוינעשע רײַטער געפאַנגען.

אַף דעכער, אַף הויכע אַ פינצטערער דאַך,
אַ באשפריצטער מיט שטערן.
פון אונטן אַף שליאַך ליגן רײַטער אין בלוט און אין קויט,
און אין בלוטיקער שײַן פון לאַמטערן.

זײַנען שטיבעלעך ליימענע קאַלטע געשטאַנען
אין שאָטנס פאַרהילט און פאַרדרימלט..
פון הויך האָט אַן אַלטער, אַ מידער, אַ קאַלטער
געקוקט דער פאַרוויכערטער הימל.

נײַן טעג, נײַן נעכט, ווי יאָרן לאַנגע
איז הימל שוואַרץ און זון איז קאַרג,
נײַן טעג, נײַן נעכט איז מען געגאַנגען
פֿון ווײַטע שטעט, פֿון אונטער באַרג.

אױף צענטן טאָג איז מען געקומען
מיט באָמבעס, צײַטונגען און בלײַ,
דאָס פֿעלד פֿאַרכאַפּט, די שטאָט פֿאַרנומען,
איז ווידער גרינג און ווידער פֿרײַ.

נײַן טעג, נײַן נעכט מיט פֿײַכטע אויגן
אין שרעק, אין קעלערס און אין נאַכט;
נײַן טעג, נײַן נעכט האָט זיך געצויגן
אין פֿעלד דעם טרויעריקער שלאַכט.

איבער געסלעך, איבער שטיבלעך, איבער שליאַך
שווימט אַן אַלטע שטערנדיקע נאַכט.

אונטער הײַזלעך, אונטער שטעטל, אונטער באַן
פירן יאַטן שיסן אַן אַלטן קאַפּיטאַן.

גייט דער אַלטער, הינקט דער אַלטער, קוקט זיך אום,
זײַנען שטיבלעך פינצטער, זײַנען געסלעך שטום.

גייט דער אַלטער, וויינט דער אַלטער, וויינט און בעט.
זאָגן יאַטן, שטרענגע יאַטן: „ס'איז שוין שפּעט!"

ביסט געגאַנגען, האָסט געהאַנגען, האָסט געברענט —
זאָלן פוילן דײַנע ביינער אונטער ווענט.

איבער געסלעך, איבער שטיבלעך, איבער שליאַך
שווימט אַן אַלטע שטערנדיקע נאַכט.

האָבן לאַנג אַף די פעלדער די שלאַכטן געהודעט
אין אויסמיש מיט הודען פון שטאַנגען;
זײַנען יאַטן פון שטעטלעך, פון מי און וואַרשאַטן געקומען
און אויך אַף די פעלדער געגאַנגען.

זײַנען אַרבעטער יונגע געקומען
און יונגען פון קלייטן, פון שטוב, פון כאַדאָרים.
דעם זיידעשן פּאַכאַד אַף פעלדער צעזייט און צעווייט,
און אַוועק מיטן שטורעם.

זײַנען טישלער און שוסטער און רימער און שמידן
אין זיידעשן נעפּל געוואַקסן.
נאָר פריש זײַנען אויגן, און הויך זײַנען קעפּ,
און שטאָלק זײַנען אַקסלען.

האָט דער שטורעם געיאָגט און געווייט
און די שטיבלעך געדרייט, און די שטעטלעך געפאַנגען.
ליגן נאָך שטעטלעך אין נעפּל פאַרוויגט
און מיט אומעט באַזעצט און מיט שטויבן באַהאַנגען.

גייען שוין קאָרענע יאַטן, וואָכיקע יונגען
מיט האַמערס, מיט פּלייצעס, מיט שטאָל און מיט גלויבן.
גייען שוין יאַטן אַף כורוועס פון יאַנטעוו,
אַף וואַלגער פון ווענט, אַף אַש פון צעדונערטע שויבן.

האָבן לאַנג אַף די פעלדער די שלאַכטן געהודעט
אין אויסמיש מיט הודען פון שטאַנגען,
זײַנען יאַטן פון שטעטלעך, פון מי, און וואַרשטאַטן געקומען
און אויך אַף די פעלדער געגאַנגען.

איבער שטעט און דערפער גייען שוואַרצע וואָלקנס,
פאָרן אַף די פראָנטן בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס.

אַ ציגאַר אין ליפּן, אַף דער זײַט דאָס היטל—
בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס פון דערפל און פון שטעטל.

פון דערפל און פון שטעטל, פון נאַקעט און פון כורוועס,
בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס — הונגעריק און באָרוועס.

פון אַלע זײַטן שפּאַרן וואַנגעל און פּעטליורע —
זײַנען קאָמסאָמאָלקעס אַפן פראָנט געפאָרן.

וואָרעם זיינען הערצער, וואַרעם זײַנען אויגן,
זײַנען קאָמסאָמאָלקעס אַפן פראָנט געפלויגן.

וואָס אַ טאָג איז שווערער, וואָס אַ טאָג איז ליבער —
ליגן אויסגעוואָרפן יאַטן איבער גריבער.

ליגן אויסגעוואָרפן יאַטן, קאָמסאָמאָלקעס.
ערגעץ גייען פאָלקן, ערגעץ שיסן פאָלקן.

איז אַ יאַט געפֿאַלן. ליגט אַ יאַט אין ווונדן
מיט אַ ווײַסן פֿאַרטוך ווונדן צוגעבונדן.

וואָס איז טאַטעס ווערטער, וואָס איז מאַמעס טרערן —
לענין. טראָצקי. פראָנטן, קים און קאָמינטערן.

אַפּן פראָנט געגאַנגען. פֿונעם פראָנט געקומען,
וויפֿל יאַטן הייסע, וויפֿל ליבע נעמען...

איבער שטעט און דערפֿער שווימען ניט קײַן וואָלקנס —
פֿאָרן פֿון די פראָנטן בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס.

אין רויכן פון שענקען, אין גלאַנץ פון וויטרינען
דרימלט אַ האַרבסטיקער, שטילער באַגינען.

אין שטויבן פון גאַסן, אין אומרו פון גייער
בלאָנקעט און בלאָנקעט אַ רויטער אַרמייער.

פון ווײַט איז דער רויטער אַרמייער געקומען —
איז פרעמד זײַנען מענטשן און פרעמד זײַנען שטימען.

אין רויכן פון שענקען, אין גלאַנץ פון וויטרינען
קאָן דער אַרמייער זײַן היים ניט געפינען.

אין ווײַטע, אין האַרבסטיקע ווײַסע פאַרטאָגן
אַף פראָנטן, אַף שלאַכטן געשיקט האָט קאָמיוגנט.

געווען זײַנען קלייטן פאַרהאַקט און פאַרשלאָסן
נאָר הימל האָט בלויקײַט אַף דעכער געגאָסן.

אין יאָג פון מינוטן, אין פלי פון מעסלעסן
האָט רויטער אַרמייער זײַן שטיבל פאַרגעסן.

אַף שליאַך גייען פרויען אין זײַדנס אין שוואַרצן,
נאָר ווארעם און גוט באַם אַרמייער אין האַרצן.

דערמאָנען זיך האַרבסטיקע ווײַטע פאַרטאָגן
בלאָנקעט ער, בלאָנקעט און זוכט די קאָמיוגנט.

שטייען יאַטן מיט אַרבל פאַרקאַטשעט אין רויך פון וואַרשטאַטן.
מיט ערנסט פון שטאָל שטייען יאַטן.

פון גאַנצפרי ביז פאַרנאַכט און באַטאָג און באַנאַכט און באַגינען
לויפן הענט, לויפן פיס, לויפן לײַבער אין פריילעכן טאַנץ פון מאַשינען.

איז דער בליק ניט פאַרבלענדיט, נאָר דאָס לײַב איז פאַרברענט,
נאָר דער דרויסן איז באָרוועס
שטייען יאַטן מיט אַרבל פאַרקאַטשעט אין רויכן באַ כורוועס.

לויפן הענט, לויפן פיס, לויפן לײַבער, נאָך גיכער פון הײַנטיקע יאָרן —
מע בויט און מע נייט און מע פרישט אונדזער לאַנד
מיט שטאָל און מיט קאָרן

שטייען יאַטן מיט אַרבל פאַרקאַטשעט אין רויך פון וואַרשטאַטן
מיט ערנסט פון שטאָל שטייען יאַטן.

אַ בריוו, אַ בריוו, אַ קורצע און אַ ווײַטע
פֿון די יאַטן, פֿון געוויטער, פֿון דער ווײַט,
דאָרט אַף יאַם, אַף גרויסן און פֿאַרשייטן
קלינגען לידער פֿריילעך און פֿאַרשײַט.

דאַרף מען שיסן — איז געשאָסן,
דאַרף מען — היט מען אונדזער שטאָט,
דאַרף מען — ווערט מען יאַמישע מאַטראָסן
פֿונעם ווײַטן, פֿונעם רויטן פֿלאָט.

אויב אין שטעט איז שימלדיק און שטויביק,
איז דער יאַם אי ברייט, אי ווײַט, אי טיף.
זיצן יאַטן אַזוי שמייכלענדיק און גלויביק,
זיצט מען, און מע לייענט דעם בריוו.

אַ בריוו, אַ בריוו, אַ קורצן און אַ ווײַטן
פֿון די יאַטן, פֿון געוויטער, פֿון דער ווײַט,
דאָרט אַף יאַם, אַף גרויסן און פֿאַרשייטן
קלינגען לידער פֿריילעך און פֿאַרשײַט.

ליגט אַ טאָג אַ שנייִקער געלעסטערס,
טרויערט הײַנט אַ גאַנצע וועלט;
פון גרעסטע בערג דער באַרג דער גרעסטער
און אַפן באַרג דער גרעסטער פעלז.

איז העכסטער פעלז אַראָפּ אין נידער,
איז נאַכט אין בערג און נאַכט אין טאָל,
ווער ווייסט, צי וועלן יונגע לידער
זיך ווידער גיסן ווי אַמאָל.

מ׳וויינט ניט, ניין, נאָר ס׳בליצן טרערן
און הימל ווייט און דרייט און שיט.
אַף גאַסן גייען פּיאָנערן
מיט יונגער טרייסט און גרויע טריט.

הימלען ווערן שוואַרץ און שטילער,
גאַסן שווײַגן, דרויסן גרויט;
מ׳וויינט ניט, ניין, נאָר ווער איז שולדיק,
אַז אויגן ווערן פײַכט און רויט.

האָבן פעלדער און סטעפּעס און וועלדער זיך פלוצלינג צעוויינט
און צעטו־ויערט,
איז געלאָפן אַ שוואַרצע יעדיע פון כאַטקע צו כאַטקע,
פון מויער צו מויער.

איז די שוואַרצע יעדיע פון לענדער צו לענדער געפלויגן,
באַ וואָכיקע מענטשן געווינטערט דאָס לײַב,
און געפראָסטיקט דאָס האַרץ, און געלאָשן די אויגן.

האָבן וואָכיקע מענטשן אַרבעט געוואָרפן,
און היימען געוואָרפן, אַף גאַסן געגאַנגען:
וואָס וועלן ברענגען פון דערפעלע גאָרקי, פון פויערשן דערפל,
די שנייַיקע שטאַנגען.

האָבן שנייַיקע שטאַנגען געיאָגט איבער פעלדער און סטעפּעס
דעם פויערשן טרויער,
איז דער טרויער דער שוואַרצער געשווומען
פון כאַטקע צו כאַטקע, פון מויער צו מויער.

האָבן דערפֿער געקלאָגט, און געקלאָגט האָבן שטעטלעך
און שטעט און וואַרשטאַטן,
זײַנען שטילע און גרויע אַף גאַסן געגאַנגען
פֿאַרטרויערטע יאַטן.

זײַנען יאַטן געגאַנגען מיט פּאָנען מיט שוואַרצע,
מיט ווײ אין די אויגן פֿון דניעפּר ביז אײַז־יאַם,
איז ווער וועט אונדז פֿירן און ווער וועט אַ וועג
אינעם וועג אינעם שווערן אונדז ווײַזן?

יענעם טאָג, יענע נאַכט דעם נאָמען דעם ליבן און פּראָסטן
וועלן אַלע געדענקען.
נאָר ווער וועט צו ברעגן, צו ליכטיקע ברעגן
פֿון שטורעם פֿון הייסן אונדז ברענגען?

האָבן פּראָסטיקע ווינטן אַ שוידער אין רוסישע סטעפּעס,
אין שטרויענע דערפֿער געטריבן.
זײַן האַנט איז געבליבן,
זײַן בליק איז געבליבן,
זײַן וואָרט איז געבליבן.

האָבן פֿעלדער און סטעפּעס און וועלדער זיך פּלוצלינג צעוויינט
און צעטרויערט,
איז געלאָפֿן אַ שוואַרצע יעדיע פֿון כאַטקע צו כאַטקע,
פֿון מויער צו מויער.

שסיפן טעג באַם ראָג ווי בלאָנדע קינדער,
קינדער הוליען הײַנט ווי בלאָנדע טעג.
זײַנען טעג פון צוגן הײַנט געשווינדער—
גאַנג איז גרינג און שטיל איז וועג.

טונקלע נעכט אַף האַרטע ברעטלעך,
טונקלע שײַן איז אומעטיק און קאַרג.
כאָלעמען זיך ווײַטער אָפּגעברענטע שטעטלעך
מיט אַ קלויסטער, מיט אַ מיטינג אין אַ מאַרק.

זיפּט דער הימל ווײַסע קאַלטע שטערן,
זײַנען פּענצטער שלעפּעריק און שטום.
לעקציעס פון קים און קאָמינטערן,
ווערטער, אײַזן, מענטשן אומעטום.

זײַנען טעג פון צוגן הײַנט געשווינדער
גאַנג איז גרינג און שטיל איז וועג.
שטיפן טעג באַם ראָג ווי בלאָנדע קינדער,
קינדער הוליען הײַנט ווי בלאָנדע טעג.

האָבן רײַטער געיאָגט איבער פעלדער, און מאַרשירט האָבן פּאָלקן,
האָבן דערפער געראַנגלט?

אין די דרימלשע דערפער איז פרישער די ערד
און דער הימל איז העכער;
האָבן ראַשיקע ווינטן געריסן די נאַכט פון די כאַטקעס,
דעם שלאָף פון די דעכער.

זײַנען דרימלשע כאַטקעס מיט שטרויענע דעכער געשטאַנען
פאַרגרויט און פאַרטאַיעט,
האָבן פויערים יונגע געזאָטלט די קאָרענע פערד
און אַוועק פאַר דער פרײַהײַט.

זײַנען פויערים יונגע אַוועק מיט די שטעט
פאַרן לאַנד פון די שטרויענע דעכער,
אין די דרימלשע דערפער איז פרישער די ערד,
און דער הימל איז העכער.

האָבן אָפּגעיאָגט רײַטער פון דערפער
און אַוועק זײַנען ראַשיקע פּאָלקן,

הענגען אַף דערפֿער אַף פּרײַע,
יאָגן אַף דערפֿער אַף פֿרײַע נאָך פֿינצטערע וואָלקנס.

האָבן ראַשיקע ווינטן די קאָרענע דערפֿער
אַף צווייען צעפֿליקט און צעריסן,
ליגן נאָך פֿויערשע דערפֿער מיט נעפּל באַהאָנגען
אין נאַכט פֿון ניט-וויסן.

היי, קאָמיוגיסטן, דער טאָג איז ניט שווער
און די נאַכט איז נאָך גרינגער אין לויף פֿון מעסלעסן,
איליטש האָט געהייסן אין וועג אינעם שווערן
דאָס פֿויערשע לאַנד ניט פֿאַרגעסן.

היי, קאָמיוגיסטן, מיר האָבן נאָך פּולווער, מיר האָבן נאָך פֿײַער,
איז הייסער און פֿעסטער
טאָ זאָלן מיר גיין
און זאָלן מיר טיילן דעם טאָג צווישן דאָרפֿישע ברידער
און שוועסטער.

און זאָלן זיי שײַנען,
און זאָלן זיי בליען, די דערפֿער, און זאָלן זיי וויסן:
ניט אומזיסט האָבן ווינטן די נאַכט פֿון די כאַטקעס,
דעם שלאָף פֿון די דעכער געריסן.

ניט אומזיסט האָבן רײַטער געיאָגט איבער דערפֿער
און מאַרשירט האָבן פּאָלקן,
ניט אומזיסט האָבן דערפֿער געטרוישט און געיאָגט
און געברענט פֿונעם דניעפּר ביז וואָלגע.

הײַנטיקע יאַטן, פֿרײלעכע יונגען
לאָזן ניט האָדלען צו רו,
טאַנצן איז טאַנצן,
זינגען איז זינגען
ביז פֿרי.

דערווײַל אַ קוש טון
און דערווײַל אַ גלעט טון,
און דערווײַל אַ שפּיל —
און ווער ווײסט
וואָס מע וויל.

האָט האָדל אויגן
ווי הימל
ווי בלוי,
האָט האָדל צעפּ
שוואַרצע ווי נאַכט.

זאָגט האָדל אַלע
אַזוי און אַזוי,

איז האָדל באַרויגעז
אַף אַלע
און לאַכט.

היינטיקע יאָטן, פריילעכע יונגען,
לאָזן ניט האָדלען צו רו ;
שטיפן איז שטיפן,
און זינגען איז זינגען
ביז פרי.

מיר האָבן פאַרלוירן די ייִנגלשע זאָרגן
אין פעלד, אין שלאַכט, אין צוג.
אונדזער מאָרגן איז ניט נאָר אין מאָרגן,
אין יעדן שפּאַן פון איצטיקן טאָג.

ווינט האָט נעכטן געבראָכן, געריסן,
בליען נאַקאַן אַף יעדן פּלויט,
נעכטן האָט מען געדאַרפט מיט קוילן שיסן,
הײַנט דאַרף מען שיסן מיט ברויט.

נעכטן האָט מען געדאַרפט אַף פעלדער שטרײַטן,
הײַנט דאַרף מען שטרײַטן אין מאַרק,
אונדזער גליק איז, ניט נאָר אין ווײַטן—
אונדזער גליק איז אין יעדער שלאַכט.

יעדער יאָט מוז זײַן אַ רײַטער,
אומעטום זײַנען פרעמדע דאָ.
אונדזער מאָרגן איז ניט נאָר אין ווײַטער—
אין יעדן טאָג, אין יעדער שאָ.

פֿאַרגעסן טעג און נעכט, און אויסוועגן פֿאַרגעסן,
דעם קלאַנג פֿון נעכטיקן און רוישנדיקן טאָג,
פֿאַרוויַיט מיט רויך פֿון נעכטיקע מעסלעסן,
אינמיטן שטייט דער פֿריילעכער קאָמיוג.

אַף פֿעלדער שטילע, בליט שוין זון און קאָרן,
און ווערסטן זיַינען פֿריַי פֿון פֿאָלקן און פֿון שלאַכט,
אין שטיבלעך הילצערנע, צעוואָרפֿענע — יונקאָרן
באַ טונקעלע קאַנעצלעך אין טיפֿער נאַכט.

דער שטילער טאָג און וועג איז גרויזאַמער און שווערער,
פֿון ווערסטן שווערער איז דער שטיינערנער אַרבפּאַק,
אַף ליפּן בלאָנדזען רייד פֿון שטילן צאַרטן לערער,
און נעמען בלאָנדזען אום — יודעניטש און קאָלטשאַק.

באַהאַלטן דרימלען שטיל באַרויִקטע נאַגאַנען,
געוווינטע שוין צום איבערוף פֿון גאַכט,
אין ווינטערדיקע נעכט אַף וויַיטע פֿרעמדע באַנען,
אַ ברויזנדיקער וויכער שלאָפֿט און וואַרט.

פֿאַרגעסן טעג און נעכט, און אויסוועגן פֿאַרגעסן
דער קלאַנג פֿון נעכטיקן און רוישנדיקן טאָג,
פֿאַרוויט מיט רויך פֿון נעכטיקע מעסלעסן,
אינמיטן שטייט דער פֿריילעכער קאָמיוג.

איבער דערפער און שטעט
מיט קאָמיוגישן גאַנג,
אַ ברעט צו אַ ברעט
און אַ שטאַנג צו אַ שטאַנג.

ווער יאָמערט און בעט
מיט קאַלטן געוויין —
אַ ברעט צו אַ ברעט
און אַ שטיין צו אַ שטיין.

איבער דערפער און שטעט
זײַנען מיר ניט אַליין —
אַ ברעט צו אַ ברעט
און אַ שטיין צו אַ שטיין.

ביז ס'לויפט נאָר די האַנט
און די פיס קאָנען שטיין —
איז אַ וואַנט צו אַ וואַנט
און אַ שטיין צו אַ שטיין.

אַף כאָרעוון שליאַך
מיט קאָמיוגישן טראָט —
און גרייט איז אַ דאַך
און גרייט איז אַ שטאָט.

פון מאָרגן ביז שפּעט
מיט קאָמיוגישן גאַנג —
אַ ברעט צו אַ ברעט
און אַ שטאַנג צו אַ שטאַנג.

איך בין ניט דער ערשטער און בין ניט דער לעצטער,
ס׳ווייסן שוין ווערסטן מײַן טראָט און מײַן ליד,
בײַ טירן צעקלאַפּטע, בײַ פענצטער צעזעצטע,
שטיי איך און היט.

דאָ דאַרף איך שטיין,
ווו מ׳האָט מיך געשטעלט,
דאָ דאַרף איך היטן
מײַן שטאָט און מײַן פעלד.

אין דערפער, אין טונקעלע, אַף פעלדער פאַרשנייטע,
אַ מאַכנע געגאַנגען, אַ מאַכנע פאַרבליט.
בײַ מילן פאַרלאָזטע, בײַ וועגן פאַרדרייטע,
שטיי איך און היט.

כ׳בין ניט אַליין דאָ
אין שנייִיקער וועלט,
דאָ האָט מיך נעכטן
מײַן פירער געשטעלט.

דאָ איז מײַן לאַנד, און מײַן לאַנד איז מיר טײַער.
אַף זוניקע כורוועס, מיט יאַטישע טריט,
מעג האָגלען מיט שטיינעד, מעג וויכּרען מיט פײַער,
שטיי איך און היט.

שטאָט איז צעשראָקן,
און פעלד איז פאַרשנייט.
דאָ בין איך שטענדיק
און דאָ בין איך גרייט!

אינדערוואָכן

און בין איך אַפֿן באַרג
מיט פֿעלז, מיט זון, מיט מאָך —
נאָר עפּעס איז מיר קאַרג,
נאָר עפּעס וויל איך נאָך.

פֿאַר מיר איז קלאָר דער וועג
סע רופֿט, סע הייסט די שאָ
פֿאַרבײַטן מײַן געיעג
אַף טעצעלעך מיט רו.

און האָב איך אַפֿן באַרג
פֿאַרלאָזט דעם שטומען בראָך,
נאָר עפּעס איז מיר קאַרג
און עפּעס וויל איך נאָך.

װי קאָן איך פֿאָדערן אַסאַך,
װען יעדער אײנער האָט אַביסל.
כ׳האָב פֿײַנט אַ שטיבל מיט אַ דאַך,
כ׳האָב פֿײַנט אַ מענטשן מיט אַ שליסל.

נאָך פֿעלדער הײסע — פֿלאַם און רויך
— אַ צימער שטיל װי אַ לעגענדע,
ס׳איז װײַס און פֿרײַ, ס׳איז ברײט און הויך,
נאָר שכנים לעבן דאָ װי שטענדיק.

מע טרינקט װי פֿריער דעם בעסטן װײַן,
מע רויכערט לאַנגע פּאַפּיראָסן,
זײ לעבן שטיל, זײ לעבן פֿײַן
און האָבן קײנמאָל ניט געשאָסן.

סע גליט אין מיר אַן אַלטער האַס
צו זײער טאָג און זײער לעבן,
װאָס שװײַגט דער װיכער אױפֿן גאַס,
װאָס האָט אַמאָל זײ שוין געטריבן.

ס'וועט נאָך פלאַקערן דער דאַך,
מיר וואַרטן נאָר אַף ווײַטע גריסן...
ווי קאָן איך פאָדערן אַסאַך,
ווען 'עדער איינער האָט אַביסל.

צו וואָס איז די שרעק פֿאַר די פֿרעסט,
פֿאַר די נעכט אָף פֿאַרשנייטע וואָקזאַלן, —
וועסטו שטעלן די פֿיס דײַנע פֿעסט,
וועסטו קיינמאָל אָף שליאַכן ניט פֿאַלן.

אין יעדער געבוירענער וואַנט
דערפֿיל איך די פֿרייד פֿון אַ שלאַכט־טאָג,
דער שליאַך איז דאָ קלאָר און באַקאַנט —
אַ האַק! — און אַ פֿענצטער איז פֿאַרטיק!

נו, הייסער, נו, גיכער דעם ברויז!
קאָן זײַן ווען אין וועג אים נאָך זעען;
נו, איז וואָס, אַז די פֿרייד איז דאָ גרויס
ווען מיר האָבן קײַן צײַט ניט זיך פֿרייען.

צעוועק זי, די פֿרישקײַט, אין זיך,
פֿון דײַנע פֿאַרלאָשענע קוואַלן.
וועסטו מוירעדיק שפּאַנען און גיך,
וועסטו קיינמאָל אָף שליאַכן ניט פֿאַלן.

אַ שטאָט איז פֿאַרשוווּנדן, אַ שטאָט איז פֿאַרברענט,
פֿאַרויכערטע פֿלעצער, פֿאַרסמאַליעטע ווענט.

צעכראַסטעטעטע הײַזער פֿאַרלאָשן און פּוסט
פֿאַרסמאַליעטע לײַבער אין אַש און אין מיסט,

פֿון שטאָט איז געבליבן אַ גרוב אַף אַ גרוב,
האָט עמיץ פֿאַרגעסן פֿאַרברענען אַ שטוב.

אַ שטאָט איז געפֿאַלן, אַ שטאָט האָט געברענט,
פֿון שטאָט איז געבליבן אַ דאַך מיט פֿיר ווענט.

געוויט האָט מיט פֿײַער, געיאָגט האָט מיט שרעק,
פֿון כאָרעווער שטאָט זײַנען אַלע אַוועק.

איין שטוב שטייט פֿאַריאָסעמט מיט טרויער אַף ווענט,
פֿאַרוואָס האָבן רויבער די שטוב ניט פֿאַרברענט?

שטייט זי די שטוב אַף די כורוועס אליין,
איך הער ווי סע וויינט אינדערשטיל יעדער שטיין.

די הענט מײַנע, די הענט זײַנען גרייט
באַזעצן מיט מויערס די כאָרעווע ברייט.

אַ שטאָט איז געפאַלן אַ שטאָט האָט געברענט,
פון שטאָט איז געבליבן אַ דאַך מיט פיר ווענט.

אָט איז דער ראָג, ווו ס'האָט אַמאָל
געשפּילט אַ טרויעריקער בלינדער.
אָט ליגט דער טאָל, דער פּוסטער טאָל
און בענקט נאָך טאַנצנדיקע קינדער.

ווו אַלצדינג איז געווען ניט ליב,
ווו ס'פלעגן טעג און נעכט זיך בויגן,
האָט איצט אַ שײַן געטון אַ שטויב
מיט פענצטער לויטערע, ווי אויגן.

ווי שווער איז דאָ געווען אַמאָל,
ווען שוואַרצע קלויסטערס פלעגן קלינגען,
נאָר ווידער האָט דער טונקעלער טאָל
מיט פרישע גראָזן זיך צעזונגען.

און יעדער וואָרט איז דאָרט פון שטאָל
און יעדער טראָט איז דאָרט אַ ווונדער,
בײַ יענעם ראָג, ווו ס'האָט אַמאָל
געשפּילט אַ טרויעריקער בלינדער.

איך האָב געזען אַ כעווורע אין אַ טאָל
מיט פּענימער פון אומעטיקע טערקן,
האָט האַרץ געטון אַ ציטער מיט אַמאָל.
מיר קענען פרעמדע שעצן אָן אַ צאָל
און היימישע אַפילע ניט באַמערקן.

מע זעט אַ לאַנד אַ קרעפּטיקס און אַ גרייטס,
אַ לאַנד אַ הוילס זיך וואַשן און באַנייען
מע זעט אַף פּעלדער בליט, ווי שטענדיק, ווייץ,
ווי שטענדיק רוישן אין די שטעט טראַמווייען.

צי ווייסן זיי, די געסט מיט בלייכע הענט
דעם טאָג, ווען מ'האָט דאָס ווייץ געטראָטן,
ווען הייזער געווירישע האָט מען געברענט,
אין יעדער וואַלד האָט זיך אַ קייט געשאָטן...

איך האָב געזען אַ כעווורע אין אַ טאָל
מיט פּענימער פון אומעטיקע טערקן,
האָט האַרץ געטון אַ ציטער מיט אַמאָל.
מיר קענען פרעמדע שעצן אָן אַ צאָל
און היימישע אַפילע ניט באַמערקן.

איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געפרייט זיך מיט מײַן ציטער
און האַרץ האָט קיינמאָל ניט געיאָגט אזוי געשווינד.
נעכטן האָב איך זיך געדרייט ווי אַ געוויטער,
הײַנט בין איך שוין צאַרטער פון אַ ווינט.

איך זע — מײַן דולע שטאָט באַזילבערט איז מיט דרימל,
נאָר ס'הויכט, סע וואַקסט, סע ברייטערט זיך די גאַס,
און אַקסלען האָבן זיך אַ ריס געטון צום הימל,
און ס'האָט אין לײַב באַ מיר געררוט דער קאַס.

האָט עמיצער אַ שנײ צעשלײַדערט אַף די גאַסן,
האָט גרינגע וואַרעמקײַט צעגאָסן זיך אין מיר.
איך האָב זיך ביטער אויסגעלערנט האַסן
איז איצטער גרינגער ליב האָבן ווי פריער.

איך פריי זיך, ווי אַ צוויטער און אַ דריטער.
און טאַנצן קען איך, לאַכן ווי אַ קינד,
איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געפרייט זיך מיט מײַן ציטער
און האַרץ האָט קיינמאָל ניט געיאָגט אזוי געשווינד.

באַקענט איז מיר אין רוסלאַנד יעדער באַן
מיט קינדער היימלאָזע, מיט גלעקער און מיט פֿאָנען,
אַ וועלכע ווערסט האָט ניט פֿאַרזוכט מײַן שפּאַן,
אַ וועלכע זון האָט ניט געברענט מײַן פּאָנעם.

כ'האָב ליב געהאַט די קאַלטקייט פֿון די נעכט,
דאָס וואַרטעניש אַף ווינטערדיקע באַנען,
דערווײַל איז נאָך אַף קײַלעכיקער ערד
אַ לאַנד אַזאַ אײַנערגעץ ניט פֿאַראַנען.

בין איך געלאָפֿן איבער פֿעלדער, איבער שטעט
מיט ברידערלעך מיט קויטיקע, געפֿלויגן,
אָן איצטער ליגט דאָס לאַנד און רופֿט, און בעט,
און פֿאָדערט פֿרישע הענט און פֿרישע אויגן.

ס'איז דאָ! ס'איז דאָ! מיר האָבן זיי! פֿאַראַן!
דאָס לאַנד וועט לאַנג ניט דאַרפֿן מאָנען.
באַקענט איז מיר אין רוסלאַנד יעדער באַן
מיט קינדער היימלאָזע, מיט גלעקער און מיט פֿאָנען.

די גאַנצע וועלט איז מיר געפעלן
(כ'בין נאָך ניט אומעטום געווען),
ווּ כ'זאָל מײַן יונגן טראָט ניט שטעלן
איז דאָ פאַר מיר אַביסל זון.

נו, וואָס זשע טרויערסטו, מײַן ברודער,
נוּ, וואָס זשע וויינען דײַנע טריט ?
— אָ, זע נאַר, וויפל זון און לידער
דרימלען טונקל אין דײַן בלוט.

אין שטילן סאַמעטנעם אָוונט
קאָן יעדער באַרג מיר זײַן אַ שטוב.
יעדער פעלז איז מיר דאָ נאָוונט,
יעדער סטעזשקע איז מיר ליב.

פאַרגעס די טרויעריקע שוועלן,
פאַרלאָז, פאַרגעס די טונקלע רוּ,
ווּ כ'זאָל מײַן יונגן טראָט ניט שטעלן
אַביסל זון איז שטענדיק דאָ!

זינגט אַ קוועלכל, פריילינג לידלט,
פריילינג גרינט און בלומט און העלט,
האָט דער ווינט מיך היינט געזידלט,
וואָס איך שלעפּ זיך אום אין פעלד.

פוילט לעם קאָרן אַ טעפּלושקע,
זשאַווערט ווערסטן—לאַנג די ערד,
אַ פאַרבלאָנזעטע פּאַסטושקע
פליט אין פעלד מיט זיבן פערד.

ווערסטן, ניט פאַרזייטע וואַרטן,
אַף מײַן אַרבעט וואַרט מײַן היים,
די פרימאָרגנס, די פאַרנאַכטן
זיך איך אָפּ אין פעלד אליין.

פריילינג לידלט, פריילינג לידלט,
כ׳האָב פאַרגעסן מײַן געצעלט.
האָט דער ווינט מיך היינט געזידלט,
וואָס איך שלעפּ זיך אום אין פעלד.

דעם נײַעם טאָג איך װעל אַפּסנײַ באַגריסן,
סע ברענט מײַן בלוט, װי ס'ברענט די זון אין װעג,
איך װעל מײַן בלוט אין האַרצן ניט פאַרשליסן,
איך װעל מײַן בלוט אַף העפקער ניט צעגיסן
אין שטילן גאַנג פון װאָכעדיקע טעג.

װען הייסער גלאָק װעט הילכיק מיך רופן,
װעל איך אַװעק מיט שפּאַנענדיקער װעלט,
װעט הויכער גלאָק צעהוידען דרימלענדיקע טיפן,
װעט בלוט פון אומרויִקן קערפּער טריפן
אַף װערסטן קאַלטע פונעם הונגעריקן פעלד.

איך װייס פאַרװאָס!
איך װייס אין װעמען שיסן!
סע װאַרט שוין אַף מײַן לײַב דעם טױנעס שאַרפע שװערד,
סע װאַרטן הינט פאַרהונגערטע אַף מײַנע זאַטע גריסן.
איך װעל מײַן בלוט אַף העפקער ניט צעגיסן,
איך דאַרף מײַן בלוט פאַר מאָרגנדיקער ערד.

דאָ האָט ניט קיין שטורעם געשטורעמט די שיפן,
דאָ האָט ניט קיין ווינטל די כוואַליעס געשליפן,

מיר זיינען ערשט נעכטן אַהערצו געקומען.
אַף נאַכטישע יאַמען מיר שווימען און שווימען.

מיר זיינען געקומען צו וויטקייטן, צו פרישער
מיט נעצן, מיט ברייטע, ווי בראָנזענע פישער.

אין ראַשיקן אָפּגרונט פון יאַמישע טיפן
דערטריקענע שווימער, פאַרלוירענע שיפן.

אונדז שרעקט ניט די טיף פון די ווערסטן געהיימע,
מיר האָבן דעם פאַכעד פאַרלאָזט אין די היימען.

מיר זיינען געקומען אין שטורעם אין שאַרפן
די ראַשיקע נעצן אין יאַמען צעוואַרפן.

און זאָלן רוישן די כוואַליעס און שוימען,
מיר ווייסן דעם וועג פון די יאַמישע רוימען,

מיר זיינען ערשט נעכטן אַהערצו געקומען,
אַף ווערסטן, אַף וויטע מיר שווימען און שווימען.

אַף ווערסטן אַף ברייטע, אַף כוואַליעס אַף זאַטע,
דערמאָנט זיך מײַן האַרץ אין מײַן אַלטיטשקער כאַטע.

אין שווימען אַף שיפן, אין שטורעם פאַרשײַטן
איך זיץ און איך כאָלעם פון היימישע ווײַטן.

לעם מיר, איבער מיר און פאָרויס, און פונווגטן
בלאָזן פאַרבלאָנזעטע היימישע ווינטן.

ווינטעלעך, ווינטן, איך קאָן אײַך, איך זע אײַך,
איך פיל אײַער נאָענטן היימישן רייאַך.

איך ווייס, ס׳איז פאַראַנען אַ שיינקײַט אַ צווייטע,
איך יאָג פון די שיפן אַף יאַמען אַף ברייטע.

סע האָט פונדערהיים מיך אַ וויכער געטריבן,
ער האָט זיך, דער וויכער, אין האַרצן פאַרקליבן.

מײַן כאַטע איז אַלט און שמעקט מיט אַ טויטן
און קרום זענען מײַנע אַמאָליקע פלויטן.

טאָ שווימט, מײַנע שיפן, אין שטורעם פאַרשײַטן
טאָ יאָגט מיך, טאָ טראָגט מיך צו היימישע ווײַטן.

אָפּט פֿאַרנאַכט צעגליט זיך אין מײַן בלוט
אַ טאָג אַ הייסינקער, וואָס איז שוין לאַנג פֿאַרגאַנגען,
צעשרײַען זיך אין מיר פֿאַרטראָטענע שוין טריט
און ס'פּרישן זיך אַפּסנײ פֿאַרלאָשענע געזאַנגען.

נאָר שטענדיק, ווען איך פֿיל די נאָענטקײַט פֿון שײַן,
דערמאָן איך זיך אין טעג, וואָס פֿלעגן זיך נאָך שוואַרצן,
און דעמאָלט שלאָגט דאָס בלוט, ווי אומרויִקער ווײַן
און אַ יונגער גלאָק צעהוידעט זיך אין האַרצן.

דעמאָלט טוט אַ בויטע זיך אין מיר מײַן האַס
און טרובעס מעשענע פֿאַרבײַטן מײַנע פֿידלען,
און עפּעס גלוסט זיך מיר אַרויס אינמיטן גאַס
און פּאַקן עמעצן, און שלאָגן אים, און זידלען.

איך ווייס, אַז ס'איז דערפֿאַר וואָס מײַנע טריט
האָב איך מיט לידער הימלאָזע באַהאַנגען,
און עפּשער גאָר דערפֿאַר וואָס אינעווייניק זידט
אַ טאָג אַ הייסינקער, וואָס איז שוין לאַנג פֿאַרגאַנגען.

לאָמיר זינגען,
לאָמיר טראָגן די געזאַנגען,
לאָמיר גייען, לאָמיר גייען
אַף די העכסטע שווערסטע טרעפּ;
ס׳איז נאָך קיינער ניט געגאַנגען
מיט אזוינע טריט פאַרשייטע,
מיט אזוינע בליקן ווײַטע,
מיט אזוינע שטאָלצע קעפּ.

לאָמיר גייען,
לאָמיר פּויקן אין די טאַצן,
אַז די ווייטן זאָלן שרײַען,
אַז ס׳זאָל בונטעווען דאָס בלוט.

און באַנאַכט אין ווייכן טונקל
נאָכן אומרו וועל איך שטייען
און באַקוקן שטיל דאָס ווינקל,
ווו מײַן ביקסל הענגט און רוט.

לאָמיר זינגען,
לאָמיר גייען,
ס'איז דער וועג מיט זון באַהאַנגען
און אַף אַלטע כורוועס בליט.
ס'איז נאָך קיינער ניט געגאַנגען
אַף אזוינע טרעפּ פּאַרדרייטע
אַף אזוינע פּלעצער ברייטע
מיט אזוינע פעסטע טריט!

אין ווײַסער שײַן פון קאַלטע שטערן
איך שטיי אַף טויטן פּלאַץ. איך גלויב,
אַף אַש, אַף שטיינער און אַף שטויב
דאָ וועט אַ שטאָט אַ נײַע ווערן.

אַף פּלאַץ מיט אָפּגעברענטע פּאַסן,
ווו ווּיסטעניש איז שטרענג פאַרשפּאַרט,
ווו כּוּרוועס מישן זיך מיט נאַכט, —
דאָ וועלן וואַקסן נײַע גאַסן.

אין שטאָט צעמישטע ווינטן יאָגן
און יעדער שאָ איז פּוסט און שוואַרץ,
נאָר ווידער וועט אַ פּריילעך האַרץ
אין לײַב פון טויטער שטאָט זיך שלאָגן.

איך שטיי אָט-דאָ. איך ווייס. איך גלויב.
אין ווײַסער שײַן פון קאַלטע שטערן,
דאָ מוז אַ שטאָט אַ נײַע ווערן
אַף אַש, אַף שטיינער און אַף שטויב.

מאָסקווע.

I

אין קרעמל אין אַלטן
אין שיַין פון פאַרנאַכטן
וואַכן די קליגסטע און לויטערסטע קעפּ.
סע אָטעמט דער קרעמל מיט פעלדער און שאַכטן,
סע גלאַנצט דאָ דער אָפּשיַין פון פריַיקע שלאַכטן,
סע זינגט דאָ מיט פרישן, מיט פריילעכן סטעפּ.

פון קרעמל, פון הויכן צעלויפן זיך שטאַנגען
אין זאַמדיקע סטעפּעס אין ראַשיקע שטעט.
ס'איז שטענדיק פאַרגרייט דאָ מיט בליַי און געזאַנגען
פאַר זאַמדיקע סטעפּעס און ראַשיקע שטעט.
אין קרעמל אין אַלטן איז קיינמאָל ניט שפּעט!

קומט מען צום קרעמל, צום הויכן, פון שאַכטן,
קומט מען פון דערפער, פון שטעט און פון סטעפּ,
קומט מען זיך בענטשן פאַר קינפטיקע שלאַכטן.
אין קרעמל אין אַלטן, אין שיַין פון פאַרנאַכטן
וואַכן די קליגסטע און לויטערסטע קעפּ.

II

מאָסקווע, קרעמל.
אַ ראַדיאָ צו אַלע...
אַ שוואַרצע ראַדיאָ אין ווינטערדיקן סטעפּ,
אין אומעטיקע שטעט, אין גרויע דערפער פאַלן
שוואַרצע ווערטער, גרויזאַמע אַף הוילע קעפּ.

באַם פרישן קייווער שטייען מיר, ווי קינדער,
און וועג איז אזוי ווייַט, און טאָג איז אזוי שוואַרץ;
ס'איז דאָ אזוי פיל פראָסטער לעגינס וווּנדער
אין אונדזער שטאָלענעם און ווייענדיקן האַרץ.

מאָסקווע, קרעמל.
אַ ראַדיאָ פון אַלע...
אַן אַנדער ראַדיאָ, אַ צווייטע ראַדיאָ פליט:
איליטש איז דאָ מיט אַלע און בײַ אַלע
אין אונדזער הייסן בלוט, אין שטרענגע קאַלטע טריט.

ס'איז דאָ אַ וואָרט, וואָס וועט אַ וועג אונדז ווײַזן,
און מענטשן פראָסטע איז דאָ דאָך אָן אַ צאָל.
ס'איז דאָ אַ לאַנד פון פעלדער און פון אײַזן
אַ לעגין לאַנד פון קאָרן און פון שטאָל.

מיר זײַנען אַלע דאָ.

צעווייַנטע הערצער וואַכן
און הייס איז אונדזער בלוט

און פעסט איז אונדזער לאַנד,
אין דערפער און אין שטעט, אַף פעלדער און אַף שליאַכן
מיר זײַנען אומעטום
מיט לעניגס פאָן אין האַנט.

III

איך האָב קײַן װעגן קײנמאָל ניט געמאָסטן,
קײנמאָל ניט געבלאָנדזשעט װי אַ קינד.
קום מיט מיר און טו אַ קוק אַף מאָסקװע,
טו אַ זופּ דעם מאָסקװער װינט.

די שטאָט איז נאָך צעקלױסטערט און צעצײלעמט
און קלאַנגען קלױסטערשע צעשיטן זיך אין שניי.
גײ און זע נאָר װיפל, װיפל אױלעם
שװימט פון אומעטום צום מאַװזאָליי.

מע קומט אַהער פון אַלע טיפסטע טיפן
אַ זופּ, אַ אָטעם טון מיט װאָסקװער װינט.
ס'איז יעדער טאָג מיט פרײלעכקײַט געשליפן
און יעדער טראָט איז לױטער און געשװינד.

נאָר װיפל זײַנען דאָ געפאַלן הײסע יונגען
אין יענע טעג פון פריידן און פון שרעק!
לעם קרעמל האָבן קלױסטערס זיך צעקלינגען
פון קרעמל זײַנען ראַדיאָ'ס אַװעק.

איך האָב קיין וועגן קיינמאָל ניט געמאָסטן,
גרינג זיינען אין הויפּט־שטאָט מיינע טריט.
קום מיט מיר און טו אַ קוק אַף מאָסקווע —
זע נאָר ווי די שטאָט האָט זיך צעבליט!

IV

אַ שטילער און פּראָסטער,
אַ שוויַיגיקער איך שטיי
אַף רויטן פּלאַץ פון מאָסקווע,
לעם לענינס מאַוזאָליי.

פון שטעטל אַף אוקראַיינע
אין ווינטערדיקער נאַכט
האָסטו מיט ברידער מיינע
אַהערצו מיך געבראַכט.

איך שטיי באַ דיין צוקאָפּנס,
די אַלטע פאָן איז גרייט,
און ס׳טריפן שטילע טראָפּנס
פון טרויער און פון פרייד.

און ניט קיין שאָטנס שוועבן
לעם שוויַיגיקן געביין,
דאָ שלאָגט אַ קוואַל פון לעבן,
דאָ לעבט דער טויט אליין!

בליענדיקע מיסטן

מײַן פֿאָטער און כאַװער—
שאָלעם פּעפּער

דאָס שטױביקע שטעטל איז שװער צו פֿאַרגעסן,
סע שטײט פֿאַר די אױגן מיט רױכן פֿאַרװײט.
איך װײס, אַז די שטױבן אין אַלטינקן געסל
האָט פֿעלדישער שטורעם געיאָגט און געדרײט.

מײַן זײדע פֿלעג האַנדלען מיט גערשטן און קאָרן,
טונקל און שװער האָט געשלעפּט זיך זײַן װעג;
דער שטאָלענער צוג איז אין פֿעלדער פֿאַרלאָרן,
דער װעג איז פֿאַרװאַשן מיט רױכן פֿון טעג.

װאָס טוען זײ איצט נאָך, די קרעמערשע ײדן
אין לװאָניקע שטעטלעך מיט קרעמערשע הענט?
װער װײסט, װאָס פֿון שטעטל איז איצטער פֿאַרבליבן,
הײַזלעך װי פֿריער, צי פֿאַרסמאַליעטע װענט...

דרײען זיך פֿעלדער און לױפֿן װי יאָרן,
ערד איז פֿונונטן און הימל איז הױך.
דער שטאָלענער צוג איז אין פֿעלדער פֿאַרלאָרן,
דער װעג איז באַװאַקסן מיט טעג און מיט רױך.

איך געדענק אים, דעם שטעטלשן הימל, דעם בלאָוון
(ס׳אליגן, דער הימל איז דאָרט ניט פּאַרוויסט!),
נאָר ס׳קערן נאָך הייבן די העק די קאַצאָווים
און ס׳קערן זיך שפּילן נאָך קינדער אין מיסט.

צי לעבן נאָך זאַטע און בײַכיקע יידן
מיט קעשענקעס ברייטע און גלאַנציקע שיך,
וואָס טוען דאָרט איצטער די שוסטער און שמידן —
זיי שרײַבן נאָך ווינציק אין „עמעס״ פון זיך.

צי דרימלען נאָך הײַזלעך אָן טיר און אָן טויער
מיט שטרויענעם ציטער פאַר ווינט און פאַר קעלט?
צי האָבן שוין הײַזלעך דעם נעכטיקן טרויער
אין האַרבסטיקן שטורעם פאַרלוירן אין פעלד...

איך געדענק זיי די שטעטלשע שטויביקע פּלעצער.
זיי וועלן דערציילן מיר פרײַנטלעך און גיך,
ווי לעבן דאָרט איצטער די ברידער, די זעצער,
ווי לעבן דאָרט יאַטן, אַזוינע ווי איך?...

מיר פֿאָרן שוין צו צו דער סטאַנציע דער לעצטער,
איך געדענק די סטאַנציע פֿון ווײַטע ווײַסע נעכט.
אַ קויטיקער וואָקזאַל מיט פֿענצטער צוויי צעזעצטע,
באַלעגאָלעס טונקעלע, מידע טונקעלע פֿערד.

ניט איינמאָל האָבן מיר פֿון דעם וואָקזאַל געשאָסן,
ווען באַנדעס פֿלעגן קומען פֿון דערפֿל לעבעדין.
און אָט איז שוין לעם מיר דער באַלעגאָלע יאָסל,
און אָט איז שוין אַף מיר די קאַרגע, קאַלטע זון.

אָט־דאָרטן איז דער יאַר, ווו כ'פֿלעג זיך אָפֿט באַהאַלטן.
און אָט איז דער בייסוילעם, און אָט איז דער שפּיטאָל.
אַ דאָרט האָט מיך אַ מאָל פּעטליורעס שטאַב פֿאַרהאַלטן,
אַ דאָרטן מיך געפֿירט צעבײַטן אין אַ טאָל.

די פֿערדלעך לויפֿן גיך און געסלעך קרומע פֿינקלען,
און אָט איז שוין פֿון טיקאַטש דער דרימלדיקער ברעג.
ס'איז יעדער געסל ליב און ליב איז יעדער ווינקל,
און אומעטום האָב איך געלאָזט אַ בינטל טעג.

און אָט איז דער פּלאַץ אין שטעטעלע דער גרעסטער,
און אָט ליגט דער אַלטער פאַראַקשנטער מאַרק.
וואָס טוען דאָ מענטשן ? מײַן טאַטע ? מײַן שוועסטער ?
נו, יאָסל, נו, גיכער אַראָפּ פונעם באַרג.

נו, יאָסל, דערצייל מיר, וואָס טוסטו, וואָס מאַכסטו ?
ווי לעבן דאָ יידן ? וואָס הערט זיך באַ דיר ?
— „דאָס ווײַב וועט אײנגיכן מיר שענקען דאָס אַכטע,
איך זע אָפּט דעם טאַטן, ער ווינט הײַנט לעם מיר".

אַ טרײַב און אַ פּאָר און די פערדעלעך לויפן,
אַ שפּרונג איבער בערגל און אַ שפּרונג איבער גרוב,
אָט פינקלען באַקאַנטע פאַרשלאָפענע הויפן,
און אָט איז מײַן טאַטנס געיאַרשנטע שטוב.

אַ טרויעריק שטיבל מיט פענצטער צעזעצטע
געלאָטעט מיט ברעטלעך, געלאַטעט מיט ליים.
לעם שוועל ליגט די זון און דאָס אַלטינקע קעצעלע,
איך קאָן זי, איך זע זי, אָ דאָס איז מײַן היים.

אָט זע איך זיי ווידער, די שוסטערס און באָנדערס
מיט ברייטע גוט-מאַרגנס אין טונקעלע הענט.
איך גיי איבער סיטקעס פון איינעם צום אַנדערן,
זיי האָבן מיך אַלע דערקענט.

אָט זע איך זיי ווידער די שנײַדערס און שמידן
פאַרוויט און פאַרלאָפן מיט שטויב און מיט וועג.
די פּראָסטע, די האָריקע, וואָכיקע יידן
מיט האַמערס, מיט שערן, מיט זעגעס און העק.

אָט זע איך זיי ווידער. איך גיי זיי אַנטקעגן
אַף יעדערן פּאַלט מײַן צופרידענער בליק,
זיי גייען מיר נאָך און זיי פרעגן און פרעגן
וואָס טוט זיך אין מאָסקווע? וואָס הערט זיך אין „ציק״?

אָט זע איך זיי ווידער, די שמידן און באָנדערס
פאַרגרויט און פאַרעלטערט, איך האָב זיי דערקענט.
איך גיי איבער געסלעך פון איינעם צום אַנדערן
און דריק זיי די האָריקע, וואָכיקע הענט.

איך גיי איבער געסלעך, ווי אַלץ איז געביטן!
הײַזער באַנײַטע, לאַמטערנס, אַ בריק.
דערמאָנט זיך מיר פיני, דער דולער פון שטעטל,
דערמאָנט זיך די ווײַסע, די שטעטלשע ציג.

ניטאָ איז שוין פיני, די ציג איז געפּייגערט.
פאַרגעסן איז לאַנג שוין אין כיידער דער וועג.
די זון הענגט אין הויך ווי אַ מעשענער זייגער,
און ציילט די פאַרגאַנגענע ציגענע טעג.

און יאַנקעלע קליינער — אַ צוצעק, אָ, זע נאָר,
דערקענען איז יאַנקעלען קליינעם שוין שווער.
געוואָרן אַזאַ שוואַרצינקער בעפּעש אַזוינער:
— „איך בין סען אַ כוידעס אַ יונגער פינער...״

ווי אַלץ איז פאַרגאַנגען און אַלץ איז געביטן.
אַ טאָג צו אַ טאָג ווי אַ שטיין צו אַ שטיין.
אָט איז אין זון דער קאָמיוג פונעם שטעטל,
און אָט איז דער קלוב פונעם נאָדל-פאַריין.

איך גיי איבער געסלעך. אַלץ איז געבליבן,
מע גייט אין מע רעדט און מע פרישט, און מע בויט.
דערמאָנט זיך דאָס אַלטע, דאָס שטויביקע שטעטל
מיט קלויזן, מיט ציגן, מיט קלייטן און קויט.

ווינקען צו מיר געסלעך, ווינקן מיר און ווײַזן:
אָט שטייען נאָך די בעטלערס און קלאַפּן אין אַ טיר,
אָט הוידעט דאָס שטיבעלע, ווו ביילקע פונעם הײַזל
פלעג האַנדלען מיט נעקײיוועס, מיט בראָנפן און מיט ביר.

ביילקע פונעם הײַזל האָט אַ טאָכטער אַ בונדיסטקע,
דאָס הײַזל איז פאַרשלאָסן. זי האַנדלט מיט געניי.
און פוסט איז הײַנט איר שטיבל ווי אירע דאַרע ברוסטן,
און ווײַט איז איר בען-יאָכיד בײַ רויטע אין אַרמיי.

און שכיינעס, וואָס געדענקען נאָך דעם טאָג פון מײַן געבאָרן,
גלעטן מיך און צערטלען און דערציילן מיר אַזוי:
דײַן אַלטיטשקער מעלאַמעד איז געשטאָרבן פאַראַיאָרן,
זײַן טאָכטער איז אַנטלאָפן קײַן מאָסקווע מיט אַ גוי.

און בערל דער בונדיסט—דער פײַנט פון ציעניסטן —
האָט לאַנג פאַרלאָזט די בינע, און געעפנט אַ רונדוק;
זײַן זון האָט זיך געזעגנט—אַוועק פון טאַטנס מיסטן,
דער זון האָט זיך פאַרשריבן צו יאַטן אין קאָמיוג.

ס'איז יעדער שטיבל גרייט פֿאַר נײַע לידער,
פֿאַר נײַעם גליק איז גרייט דאָ יעדער שטיין,
א מונטערער און מידער
בין איך אַוועק אַ היים.

אַ מוטנע ריטשקע רינט, ווי ביאַליקס מוטנע טרערן,
אַ זאָקן זיצט און זיפֿט דעם ווײַנענדיקן פּרוג.
אין קאַסרילעווקע שפּאַצירן פּיאָנערן
און אַפֿן מאַרק האָט זיך צעזינגען דער קאָמיוג.

געסלעך זינגען הײַנטיקע פּאָעמעס,
קלינגט מיט זון און רענדלעך דער מעסלעס,
מײַן טאַטע זיצט און לייענט דעם מאָסקווער „עמעס"
און טרוימט פֿון אַ קאָלאָניע לעם אַדעס.

צווישן סיטקעלעך איך גיי —
נײַע טראָטוואַרן,
אַף אַ גאַניק טרינקען טיי
ווײַבער און קוסטאַרן.

פרעגט אַ יאַטעלע פאַרטראַכט:
„זאָג מיר, ליבער טאַטע,
„וואָס פאַר שטערן שיקט די נאַכט
„אַלע נאַכט אין כאַטע?"

זאָגט דער פאָטער שטיל און ליב,
זאָגט און רײַבט די ווינקלען:
„דאָרטן, דאָרטן שטייט אַ שטוב
„איז זי פול מיט פונקען.

„זאָל באַנאַכט די ליכט אין שטאָט
„ניט פאַרלאָשן ווערן,
„איז מיט לאַנגע הענט פון דראָט
„טראָגט זי אירע שטערן".

אין דער ווײַטקייט טוט אַ בליץ
אַף די שטילע שליאַכן,
טוט אַ ייד אַ זאָג אַ וויץ,
און די ווײַבער לאַכן.

טוט אַ הילך די ווײַסע נאַכט —
גייען פיאָנערן,
שטייען מאַמעס און מע לאַכט
און מע שלינגט די טרערן.

אָט אַזוי, אין ווײ און שטויב,
צווישן אַלע יידן
שטיי איך יאָנטעוודיק אַזוי
פריילעך און צופרידן.

שטיי איך יאָנטעוודיק און זע,
ווי אין ראַש פון יאָרן
אָט-אַ-דאָ אין מיסט, אין ווײ
ווערט אַ וועלט געבאָרן.

סטערלינגען, טשערוואָנצעס, רענדלעך—
לופּטיקע ווערטער און לופּטיקע טעג.
ערגעץ לויפט נאָך, ערגעץ פּינעט מנאַכעם-מענדל
אַף זײַן אַלטן שימלדיקן וועג.

זײַנען שאָען קויטיק נאָך און קרעציק.
עפּעס שטיקט נאָך, עפּעס וואַרגט נאָך מײַנע טריט,
מנאַכעם-מענדל הוליעט נאָך אַף אַלע פּלעצער
און ער דרייט זיך, און ער פרייט זיך, און ער פליט.

אומעטום אין אַלע שטעט און לענדער
וואַרטן פּלעצער אַף אַזוינע טעג.
ערגעץ לויפט נאָך, ערגעץ פּינעט מנאַכעם-מענדל
אַף זײַן אַלטן שימלדיקן וועג.

פיר ווענט און אַ טיר מיט אַ פענצטער,
און אַ בלעכענער דאַך.
יעדער מיינט, אַז זײַן היים איז די שענסטע
אַפן גאַנצן שליאַך.

אַלע היימען האָבן טירן און שוועלן,
אַלע היימען זענען פון ברעטער און ליים;
פאַרוואָס-זשע איז יעדן געפעלן,—
נאָר זײַן אייגענע היים?

יעדער היים האָט אַ שטרענגען שוימער,
וואָס באַפוילט און באַשטראָפט אין באַהיט;
נאָר אומזיסט וואַרטן טרוקענע בוימער
אַף אַמאָליקן צוויט.

און אומזיסט ווילן אָוונטן בלינדע
באַדעקן דאָס לויטערע גלאָז,
ווען שטערן ווי קלייניקע קינדער
שטיפן אין גראָז.

און אומזיסט וויל דער נעכטיקער ווײַזער
אַ דריי טון די יאָרן צוריק,
ווען אַלץ, וואָס סע בליט אין די הײַזער
איז אַלעמענס גליק.

שאַבעס פאַרנאַכט—צײַט פון האַוודאָלע.
ניט קײַן האַוודאָלע—אַ לעוואָנע בליט.
ווערן לוואָניקע געסלעך מיט שטובן פאַרסמאַליעט,
מיט מיידלעך, מיט יונגע באַשיט.

טוליענע מיידלעך מיט טוליענע זאָקן,
ענגלישע רעקלעך און ענגלישע שיך,
זיי האָבן געלייענט מאַיקאָווסקי'ן און בלאָקן,
און ווייסן ניט מיך און אַזוינע ווי איך.

מאָרגן איז זונטיק, גרייטן זיך טאַטעס:
— זײַן וועט אין שטעטל אַ גרויסער יאַריד.
מיידלעך און בלאָק איבער שטעטלשע בלאָטעס.
לוואָניקע געסלעך מיט שטוביקע טריט.

אַף בליענדיקע מיסטן לויפט ער, ווי אַ שאָטן,
מיט שרעק איז ער אַוועק פון אומרו און פון זון;
געלאָפן זײַנען טעג, געהודעט האָבן דראָטן,
נאָר ער איז דאָ פאַרבליבן אַזוינער ווי געווען.

אַף מאָרגן, נאָכן גראָוון הונגעריקן שאַבעס
איז ער פון אַלטער קלויז אַ קעגן מיר אַרויס,
ער האָט אין יאָר אין נײַנצעטן פאַרקויפט די לעצטע שקראַבעס,
און איז ביז הײַנט געבליבן אַ שאַמעס פון זײַן קלויז.

נאָר וואָכן גייען גיך, און קלויזן ווערן ליידיק,
און לעבן איז אַצינד שאַמאָסים זייער שווער;
ער בעט באַנאַכט צו הילף דעם שפּאָלער זיידע
און וואָלט באַטאָג אין סעקציע געוואָרן אַ קוריער.

ער האָט אַף מיר געקוקט אַ שמוציקער, אַ ווײַטער,
ער איז געוואָרן קלענער נאָך פון קליין;
ער האָט עס ניט דערקאָנט, דאָס יונגל, דאָס פאַרשײַטע,
וואָס האָט נאָך קליינערהייט געוואָרפן אים אַ שטיין.

און מײַן שאָכן איז נאָך אַלץ אַ בלעכער,
זײַן אַ בלעכער, זאָגט מײַן שאָכן, לוינט;
זיצן שטענדיק, שטענדיק אַף די דעכער
איז מײַן אַלטער שאָכן שוין געוווינט.

הערט מײַן שאָכן דונערן און בליצן,
זאָגט ער: בלעכערס קלינגען אַפן הויכן שליאַך;
איז מײַן שאָכן גרינגער נאָך צו זיצן,
גרינגער נאָך צו פאַרבן אַלטן דאַך.

טוט אַ פאַרב די הייך אַ רעגנבויגן,
טוט אַ פאַרב אַ רעגן גרויען שליאַך,
גרויע טראָפּנס, ווי זײַן טאָכטערס אויגן,
זעט מײַן שאָכן פּלוצלינג אַפן דאַך,

איז מײַן שאָכן וויפל יאָר אַ בלעכער,
זײַן אַ בלעכער, זאָגט מײַן שאָכן, לוינט.
זיצן שטעניק, שטענדיק אַף די דעכער
איז מײַן אַלטער שאָכן שוין געוווינט.

װען נאַכט איז אין שטראָמען אין בלױע צערונען,
האָב איך מײַן כאַװער באַ אַרבעט געפֿונען.

אין שימל, אין הונגער, אין קרעץ און אין זשאַװער
איז געװאַקסן מײַן כאַװער.

דער טאַטע אַ קרעמער, דער זײדע אַ קרעמער
און ער איז אַ לעמער.

האָבן מענטשן געלעבט אין כאַלױמעס און טרױמען,
מײַן כאַװער פֿלעג אַרבעטן צױמען,
פּאָשעטע צױמען.

איז געקומען אָקטיאַבר, נאָך בלײַיקן זומער,
אַ װאָרט האָט גענומען מײַן כאַװער דער לעמער.

אין כױדעש אָקטיאַבר איז רױטער די פֿאָן,
אַ װאָרט האָט מײַן כאַװער געזאָגט און געטאָן.

דער טאַטע אַ קרעמער, דער זיידע אַ קרעמער
און ער איז אַ לעמער,
אַ פּאַשעטער לעמער.

דאָ זענען שטיבלעך מיר באַקענט
מיט קרומע אומעטיקע הויפן,
און יונגלעך פּאָכן מיט די הענט,
באַגריסן מיך זיי אַלע לויפן.

מיר האָבן זיך געשפּילט אַמאָל
מיט זאַמד, מיט שטיינדעלעך—אינײַנעם;
איך האָב דאָ שכיינים אָן אַ צאָל,
אין שטעטל זײַנען אַלע — שכיינים.

אין האָב באַקענטע דאָרט אַ סאַך,
ס'איז יעדערער באַקענט דאָרט,
די זעלבע ייִדן אַפן שליאַך,
נאָר אַלץ איז דאָך געענדערט.

דערזעלבער זילבער אין די בערד,
נאָר יעדערער איז ייִנגער,
דאַכט זיך, אַז די שווערע ערד
איז אויך געוואָרן גרינגער.

ווינטער, פרילינג, האַרבסט און זומער,
אין מײַן שטעטל פון באַגינען,
אין אַ שמאָלן פרעמדן צימער,
נייען מיידלעך בײַ מאַשינען.

טוט אַ שפּרונג אַ שאַרפע נאָדל,
שאַרף ווי מיידלעך, וועלכע נייען.
איז געוווינט פאַרנאַכט שוין האָדל
אינעם קלוב מיט מיידלעך גיין.

שטיל. אַ וואָרט וועט נעמען האָדל,
וועגן מי און קאָמינטערן.
שטעכן ווערטער, ווי איר נאָדל,
זײַנען אַלע שטיל און הערן.

ווינטער, פרילינג, האַרבסט און זומער,
אַלע טאָג פון פרי באַגינען,
אין אַ שמאָלן פרעמדן צימער,
נייען מיידלעך בײַ מאַשינען.

נאָר וויפל שטעטלדיקע כורוועס
ליגן נאָך פון יעדערן פאַרלאָזט,
איך האָב ליב, ווען ווערטער זיינען באָרוועס,
איך האָב ליב, ווען לידער זיינען פּראָסט.

צי האָב איך רעכט גאָר זינגען לידער,
צי האָב איך רעכט איצט קלינגען אַף פּאַפּיר,
מיט האַק און האַמער קלינגען מײַנע ברידער,
און האַק און האַמער וואַרטן שוין אַף מיר.

איך שפּאַן און מעסט די שטעטלדיקע פּלעצער,
סע הענגט נאָך דאָ דער אומרו פון די שטעט,
צי זאָל איך ווידער זײַן אַ פּראָסטער זעצער,
צי זאָל איך שוין פאַרבלײַבן אַ פּאָעט?

וואָס קאָן איך טון מיט אײַך, אָ, ליבע כורוועס,
פון יעדערן פאַרגעסן און פאַרלאָזט.
איך האָב ליב ווען ווערטער זיינען באָרוועס,
אין האָב ליב, ווען לידער זיינען פּראָסט.

קראַנקע ברעטער, לאַכנדיקער דרויסן,
שטיקלעך טאָג אַף שטיקלעך שטיין,
איך פֿאַרשטיי אים, אײַער אומגליק, אײַער גרויסן,
איך פֿאַרשטיי אים, אײַער שטילינקן געוויין.

היי, ס׳איז דאָ אַזויפֿיל מענטשן-טרויער
אין פֿוילע ברעטער אַף אַ ברייטן שליאַך,
אין זייער בענקען נאָך אַ שטאָלצן מויער,
אין זייער בענקען נאָך אַ פֿעסטן דאַך.

אינגיכן וועלן הייסע בויער קומען,
וועט איר ניט ליגן אומעטיק אַליין.
קראַנקע ברעטער, בלאָטיקע און שטומע,
שטיקלעך טאָג אַף שטיקלעך שטיין.

פון יענער זײַט שטעטל ליגן לעדערנע פֿאַבריקן,
דאָרט אַרבעטן מענטשן געלע און פֿעסטע, ווי פֿעל.
ליגן פֿאַבריקן פֿון יענער זײַט שטעטל, ווי בריקן
צווישן שטעטל און פֿעלד.

פֿון יענער זײַט שטעטל זײַנען מענטשן האַרטער און העכער—
אַלע וואָך אַ פֿאַרזאַמלונג און אַ זיצונג אַלע וואָך.
קאַפּען זילבערנע שטערענדלעך פֿון הויכע, פֿון פֿינצטערע דעכער
און באַלויכטן די קעפּ אין דעם שטויביקן מאָך.

פֿון יענער זײַט שטעטל איז פּריש. דאָרט אָטעמט מיט אײַזן
דאָרט אָטעמט מיט שטאָל און מיט שײַן, און מיט פֿעל.
פֿון דאָרט גייט אַ פֿעלענע פֿרישקײַט אַף יעטווידער הײַזל,
אַף יעטווידער שוועל.

אַ שטעטל— שטאָל און אײַזן, מיט שליאַכן און מיט בּריקן,
אַ ווינטער האָט געצינדן, אַ ווינטער האָט געבּויט ;
אַ שטעטל—שטאָל און אײַזן, מיט קלייטן און פאַבּריקן,
מיט אַרבּעטער, מיט הענדלער, מיט פּויערים און בּרויט.

דאָ פלעגן מענטשן טיאָפּען אין פינצטערניש פון האַרבּסטן
און טאַפּן אינדערפינצטער דעם טרויעריקן ווײ.
און גוט איז מיר אַצינד פאַרן שטעטל, פאַרן האַרציקן,
און ווייל איז מיר אַצינד פאַר אַלעס, וואָס איך זע.

נו איז וואָס, אַז מ'האָט מיך געמאַלעט
און געפּראַוועט, ווי בײַ ייִדן, אַ ברית.
ס'האָבן פעלדישע ווינטן פאַרסמאַליעט
מײַנע ווײַסע פאַרדרימלטע פיס.

דאָ טרוימען נאָך ייִדן פון טשאָלנט,
יאַטן בענקען נאָך רויך און נאָך פלאַם
אַף פעלדער און טאָלן
אונטער הימלשן בלויען יאַם.

מען קען מיך פאַר אַ גוטן און שטילן,
פאַר אַ סאַך איז מײַן ערלעכקייט קאַרג.
כ'האָב קיינמאָל ניט געלייגט קײַן טפילין
און קיינמאָל ניט געהאַנדלט אין מאַרק.

און עפּעס טאַנצט אין מיר און פרייט זיך,
און מײַן בליק צעהעלט
זען ייִדן געזונטע און ווייצענע,
ייִדן פון פראָנט און פון פעלד.

און גאָט איז הײַנט און קעסיידער,
איך זע, אַז איך בין ניט אַליין,
אין קרעציקע װענט פֿון כּיידער
זײַנען מענטשן געבוירן װי שטיין.

הײַנטיקע טעג,
הײַנטיקע װײען!
װוּ האָט מען געזעען
אַ פֿלאָנטער אַזױנעם פֿון בלינדע געשרײען
מיט נאַקעטע רײד..
װער האָט גאָר געזעען,
װער האָט גאָר געזעען
אַף מיסטן
זאָל בליען
אַזאַ גרױסע פֿרײד!
אַזאַ גרױסע פֿרײד!

סנאָפּעס

יונגע כאַלופּקעס מיט וועגטעלעך ווײַסע,
היימישע שטיבלעך אף ווערסטן אַף קרימער
קומט און דערציילט אונדז אַ פריילעכע מײַסע,
וואָס קאָן זיך פאַרלויפן אין איינעם אַ זומער.

אָ, איך געדענק אײַך אינצעגטן געבויגן,
שטיבעלעך אַלטינקע, וועגטעלעך קרומע,
פענצטערלעך קליינינקע — טונקעלע אויגן,
בלאָטיקע געסלעך מיט שטויב און מיט אומעט.

שטיבעלעך, שטיבלעך, ס'איז שווער אײַך דערקענען,
ווער האָט עס געמאַכט אַזוי וואַרעם דעם זומער?
אַף ווערסטן צעוואָרפענע פײַערלעך ברענען,
פרישינקע שטיבלעך אַף ווערסטן, אף קרימער.

טוט אַ קוק אַפן שטיבל, וואָס שטייט דאָ ניט ווײַט.
ווער האָט עס געבויעט, ווער האָט עס,
מיט ליים און מיט ציגל באַנײַט,
— אַ נאַקעטער יונג פון די בלאָטעס!

טוט אַ קוק אַפן פערדל, וואָס טאַנצט דאָרט אַליין.
ווער האָט עם געפּאַשעט, ווער האָס עס,
ווער האָט עס געמאַכט אַזוי יונג, אַזוי ריין?
— אַ נאַקעטער יונג פון די בלאָטעס!

טוט אַ קוק אפן ברויט, ווי ס׳איז היימיש און פריש.
ווער האָט עס מעלייצעט, ווער האָט עס,
ווער האָט עס פון פעלדער געבראַכט אפן טיש?
— אַ נאַקעטער יונג פון די בלאָטעס!

ווּ קיינמאָל האָט קיין פּוס
אַף די הרודעס ניט געקלעטערט,
האָט געבראַכט אַ יונגן גרוס
פון מיין שטאָט מיין אַלטער פעטער.

ער האָט געזאָגט מיט יונגן רייץ:
— דאָרט, ווּ זון איז נאָך אין נעפּל,
דאָרט וועט וואַקסן אונדזער ווייץ
און דאָ וועט זיין אַ סאָד פון עפּל.

מע האָט געשאָקלט מיט די קעפּ
און לאָפּעטעס אין הענט גענומען.
פריי זיך, פריי זיך שטילער סטעפּ,
דאָס זיינען פריינט צו דיר געקומען!

דאָרט, ווו גראָזן זײַנען נאַסער
שטייט אַ קרעניצע פאַרטראַכט,
קומען מיידלעך ציען וואַסער
מיט די עמער אַלע נאַכט.

אונטער זון, ווי ווײַסע בערן
וואַקסן טעג אין גרויסן טאָד.
און אין ווײַטקײַט פון די שטערן
טאַנצן יאַטן אין אַ ראָד.

פון די סטעפעס ווינטלעך בלאָזן
און אַ פײַערל דערברענט,
גייען מיידלעך אף די גראָזן
מיט די עמער אין די הענט.

ווערט די לעוואָנע בלאָס און בלאַסער
ערגעץ פויקט מען אין דער נאַכט,
דאָרט, ווו גראָזן זײַנען נאַסער
שטייט אַ קרעניצע פאַרטראַכט.

מיט קאָרענער זאַטקייט אָטעמט דער סטעפּ,
אָטעמט מיט ווייצענעם ווונדער.
איך זיץ אין מײַן קלייניגקן צימער און שטעפּ
העמדעלעך צוויי פֿאַר די קינדער.

דער טאָג איז אַוועק מיט זײַן לויטערער היץ,
אַוועק אין דער ווײַטקייט פֿון זומער,
העמדעלעך פּראָסטע פֿון רויטינקן ציץ
שטעפּ איך אין קלייניגקן צימער.

דער טאַטע וועט קומען פֿון פֿעלדער הײַנט שפּעט,
ניטאָ איצט קיין צײַטן אױף דרימלען.
דו הערסט, ווי סע רוישן אין דער ווײַטקייט די שטעט,
ווי ס׳קלינגען די קאָרענע הימלען.

פֿון יענער זײַט פֿענצטער כאָלעמט דער סטעפּ,
כאָלעמט מיט וואָכיקן ווונדער.
זיץ איך אין קלייניגקן צימער און שטעפּ
העמדעלעך צוויי פֿאַר די קינדער.

איז אַ גרויסער יאָנטעוו היינט אין יעדן הויף,
בּושעווען די לידער, פרייען זיך בּליקן;
מע האָט געבראַכט אַ טראַקטאָר—נעמט מען זיך צונויף,
גייט מען אים בּאַגריסן און בּאַקוקן.

קומען אפן יאָנטעוו קינד-און-קייט און אַלץ.
ליגט דער טראַקטאָר היימיש, מעכטיק און צופרידן;
טראָגט מען אים אַנטקעגן אייגן בּרויט און זאַלץ,
טאַנצן קאָמיוגיסטן, פרייען זיך די יידן.

פרייען זיך די פעלדער מיטן גאסט אַפּסנײַ,
אין די פרישע הויפן בּונטעווען די הינער;
ס'איז אַזוי הײַנט פריילעך, ס'איז אַזוי הײַנט פרײַ,
און אַפילע גראָזן זײַנען עפּעס גרינער.

מ'האָט געבּראַכט אַ טראַקטאָר. פרייט זיך דער אַרום,
בּונטעווען די לידער, פרייען זיך בּליקן,
קומען אַלטע פויערים פון דאָרף קעלום,
קומט מען אים בּאַגריסן און בּאַקוקן.

אַ אינגל, אַ פריילעכס,
אַן אַלטע קאַפּאָטע,
אַ ראָטע פון געגנדז,
אַ געגנדזענע ראָטע.

אייגענע געגנדז
דאַרף מען ניט קויפן,
אַ ראָטע פון געגנדז
אין ייִדישע הויפן.

ווײַט איבער סטעפּעס
טריקנט אַ וואָלקן
היימישע סטעפּעס,
געגנדזענע פאָלקן.

טריקנט אַ וואָלקן,
טריקנט אַ בלאָטע,
אַ אינגל אַ פריילעכס,
אַ געגנדזענע ראָטע.

טוט די זון אַ וואַרעם,
טוט אַ ווינט אַ בלאָז,
הוידעט זיך אַף פעלדער בליענדיקער קאָרן;
אַפן הויכן באַרג און אַפן גרינעם גראָז
שאַלט אַ ווײַטער האָרן.

טוט אַ יאָג די סטאַדע,
טוט אַ פײַף די ווײַט,
שיטן זיך די קלאַנגען אַפן זאַטן קאָרן,
פליען יונגע שעפעלעך פונעם באַרג פאַרשײַט,
שאַלט אַ ווײַטער האָרן.

טוט אַ פערד אַ הירזשע אַף דער גאַנצער ברייט,
פאַלט די זון פאַרשיקערט אפן רייפן קאָרן,
קערט זיך אום די סטאַדע, ווען די זון פאַרגייט,
שאַלט אַ ווײַטער האָרן.

שמעקט מיט פֿאַרנאַכט דער אַרום,
ברויטן פֿאַרכאָלעמטע לויפֿן,
טשערעדעס קערן זיך אום
אין היימישע הויפֿן.

אַ רעגן צעזינגט זיך און פֿאַלט
און לייגט זיך אַף שטויביקע גראָזן,
פֿונוווײַטן, פֿון שמייכלענדן וואַלד
ווינטעלעך היימישע בלאָזן.

אין לייען־שטיבל זינגט מען שוין לאַנג,
אַ ראַדיאָ שרײַט אינעם קוימען;
שיט זיך דאָס פֿרישע געזאַנג
אַף פֿעלדער, ווי זאַפֿטיקע זוימען.

דער הימל איז וואַרעם און שטום,
שטערן, ווי ווייצן זיך שיטן;
שמעקט מיט פֿאַרנאַכט דער אַרום,
מיט ברויטיקע פֿרישע מינוטן.

אין אַ אָוונט אַ לויטערן, אַ שטילן —
אַזאַ אָיונט טרעפט נאָר אין מײַ —
איז געקומען אַ באָכער אין ברילן
אין דער יונגער קאָלאָניע כאַקלײַ.

מ'האָט דעם באָכער געפירט איבער שטיבלעך
און געציילט די פאַרדרימלטע פערד,
און ער האָט דערציילט אַזוי ליבלעך
וועגן לעצטן באַלאַנס פון קאָמעריד.

געזעסן אין לייען-שטיבל שפעטלעך
ביז בלוילעכן גרוס פון גאַנצפרי,
גערעדט וועגן כאָרעווע שטעטלעך,
וועגן אייגענער קרעפּטיקער מי.

ווען די זון האָט אין מאָרגן אין שטילן —
די סטעפּעס געוואַרעמט אַפּסנײַ,
איז אַוועק אָט-דער באָכער אין ברילן
פון דער יונגער קאָלאָניע כאַקלײַ.

אונטער פענדל, אונטער רויטן
זאַטע הענט און זאַטע קעפּ,
אַף די פעלדער זינגען ברויטן
— אַ גערעטעניש אין סטעפּ.

ווער ס׳איז דאָ אַמאָל געגאַנגען
האָט פאַרזייט דאָ זײַנע טריט,
וואַרטן וואָגיק פעטע זאַנגען
אפן יאָנטעוודיקן שניט.

פרישע גריסן, יונגע יאָגן
אַף די פעלדער אָוונט גרויט,
פאָרן ייִדן מיט די וואָגנס
און מע פירט דאָס נײַע ברויט.

ערגעץ־ווו נאָך ציען נויטן
אינעם שטעטלדיקן שלעפּ,
טאַנצן הינער אַף די פּלויטן
— אַ גערעטעניש אין סטעפּ.

אַ מיטינג פון סנאָפּעס!
שלאַנקע און הויכע מיט גאָלדענע בּערד
פון פעלדער אין הויפן סע לויפן די' סנאָפּעס,
אַ מיטינג פון סנאָפּעס
אף אייגענער ערד.

ווּעמעס פערד איז דער בעסטער?
ווּעמעס פור איז די שענסטע?
אַ שמײַס מיט דער בײַטש און אַ פלי און אַ יאָג,
וואָס שווײַגט איר? וואָס שלאָפט איר?
צעעפנט די פענצטער!
אַ מיטינג פון סנאָפּעס
אף פעלדער פאַרטאָג!

פון פאַרטאָג ביז באַנאַכט, ביזן שיט פון די שטערן
מיט צעזינגענע אויגן און זוניקע קעפ,
ווער סע גלויבט ניט — זאָל קומען,
זאָל קומען און הערן
אַ מיטינג פון סנאָפּעס
אין לויטערן סטעפ!

האָט שטיל אַ בלאָז געטון אַף מיר
מיט פרישקײַט האַרבסטיקער פון זאַנגען,
האָט ווינט צעעפנט הײַנט מײַן טיר,
בין איך אַ גאַנצן טאָג געגאַנגען.

סע שמעקט מיט פרישקײַט און מיט היי,
די קו איז זאַט, דאָס ברויט געשניטן,
און אפן רוף פון ערשטן שניי
איז גרייט מײַן נײַער ווײַסער שליטן.

דער זומער איז שוין באלד ניטאָ,
נאָר פרישער כמוז איז דאָ אַף הייצן,
און זאַלץ איז דאָ, און ברויט איז דאָ
ביז ערשטן גרוס פון נײַע ווייצן.

איז אָפט צעשמייכלט זיך אין מיר
די פרישע ליד פון שטילע זאַנגען,
האָט ווינט צעעפנט הײַנט מײַן טיר,
בין איך אַ גאַנצן טאָג געגאַנגען.

זיצט מען אַלע לעם טיש
שטילערייט,
איז די מאַמע פאַרפאָרעט און רויטלעך,
אַ יאָנטעוו אַ גרויסער,
אַ פרייד
שפּאַרט פון די יונגעטשקע ברויטלעך.

דער טאַטע איז ברייט און איז רויט;
ער זיצט, ווי אַן אָקס
אינדערמיטן;
מען עסט היינט דאָס ערשטע ברויט,
אַליין עס געזייט
און געשניטן.

דערנאָך גייט די מאַמע געשווינד
די יונגע בעהיימקע צו מעלקן;
קאָן אָט-דער יאָנטעוו אַצינד,
קאָן
אָט-דער יאָנטעוו
פאַרוועלקן!

אונטערוועגנס

מיידלעך מײַנע,
ליבע מײַנע שוועסטער,
מיט אַזוי פיל אומזין זייט איר
רײַך.
אונטערוועגנס
ווען סע שלאָפן ווינטן,
ווען סע שווייגן רעגנס,
זינג איך וועגן אײַך.

ווענן באַהאַלטענע,
סטעזשקעס פֿאַרלאָזטע,
גיי איך
און גיי,
טריט מײַנע שרײַבן,
לידער פֿאַרבלײַבן
פּוכיקע, ווײַסינקע, לופֿטיקע, פּראָסטע
לידער אַף שניי.

איך בין נאָך יונג,
טוט נאָך אַ יאָג,
טוט נאָך אַ זינג,
זינג איך צו דיר
. . . .
פֿאָדערסטו לידער
— נעם זיי בײַ מיר!

אינצווייען.

I

ס'איז אַ פריילעכקייט פאַראַן
אין מײַן אָוונטיקן בענקען.
קום אַהערצו און דערמאַן
יענע טעג, וואָס כ'פלעג דיר שענקען,
יענע נעכט, ווען כ'האָב געגליט.
ס'איז ניט גרינג מיר אַלץ געדענקען
אין מײַן אָוונטיקן בענקען,
ווען דײַן קערפּער מאַנט און ציט.

ווערטער האָב איך אָן אַ שיר,
אויגן האָב איך צוויי אינגאַנצן.
מיידל, מיידל, קום צו מיר,
לאָמיר ווידערביידע טאַנצן.
האַרץ איז נאַקעט —
קום און נעם,
ס'איז מיר ליב דײַן גרינגער קלעם.
ס'איז מיר ליב דײַן יונגער נאַקעט,
וואָס דערמאָנט, אַז איך בין יונג,

און פון הענט די ליבע קייטן,
וואָס פאַרקלעמען אַזוי גרינג...

. . . .

ווען דער אָוונט שווימט אַרײַן
איז ניט גרינג מיר אַלץ געדענקען.
ס'איז אַ פריילעכקײַט פאַראַן
אין מײַן אָוונטיקן בענקען.

II

אָט אַזוי—אָ קומט זי שוין די שאָ,
אָט אַזוי שוין סקריפּעט זי, מײַן טיר;
גלוסט זיך ריידן ווען דו ביסט ניטאָ,
גלוסט זיך שווײַגן ווען דו ביסט לעם מיר.

נאָר קודלאַטע אָוונטיקע פרעסט
ליגן דאָרט און סקריפּען אַפן בריק.
ליגסטו אין מײַן צימער און פאַרגעסט,
אַז ס'איז צײַט שוין גייען אין פאַבריק.

אַז געוועבן וואַרטן שוין פונלאַנג
און מאַשינען בעטן: נעם און ניי,

. . . .

פאַר דײַן מילדן שלעפעריקן גאַנג
איז שוין גרייט אַ אָוונטיקער שניי.

און אַזוי צעעפנט זיך מײַן טיר
שטיל און גיך פאַרגייט זיך יענע שאָ,
און דו זיצסט נאָך, דאַכט זיך, נעבן מיר,
נאָר איך פיל שוין, אַז דו ביסט ניטאָ.

III

פֿאַרלעש דעם טאָג מיט דיינע טונקלע שטאָרן,
פֿאַרלעש דײַן נאַקעט מיט דײַן ווײַסן העמד;
איך קען דיך שוין אַזוי פֿיל יונגע יאָרן,
און ביסט נאָך מיר ניט נימעס און ניט פֿרעמד.

פֿאַרלעש דעם בליק מיט דײַנע טונקעלע ברעמען,
פֿאַרלעש דײַן ברוסט מיט דײַנע ווײַסע הענט,
אָ! ווער קאָן וויסן וויפֿל יונגע נעמען
האָסטו פֿאַר מיר צעוואָרפֿן און פֿאַרברענט.

איך בענק ניט נאָך דיין לײַב,—איך האָב עס שוין געזעען,
איך האָב זיי שוין געקושט די כוואַליעסדיקע האָר,
נאָר גוט איז מיר מיט דיר פֿאַרבלײַבן דאָ אינצווייען
באַ טאָג פֿאַרלאָשענעם מיט טונקלען שטאָר.

IV

לאָמפּן שמייכלען נאָך און מידע שאָען גייען,
אין די שענקען זופֿט מען שוין דעם לעצטן ביר,
איבער מאָסקווע בלאָנקן מיר אינצווייען
און שמועסן שוין דאָ ביידע אַ שאָ פֿיר.

אין קלאַנגען לעצטע שווימען נאָך טראַמוויַיען
און מיידלעך דינגען זיך לעם שטילן סקווער,
מיר וואָלטן וועלן לענגער זיך פֿאַרהײַען,
אין קלאַנגען לעצטע שווימען מיט טראַמוויַיען
און פֿלאַפּלען אָן אַ שיר לעם שטילן סקווער.

איז גוט אין נאַכט אין לויטערער זיך קוטען
און וויסן, אַז די נאַכט איז לויטער ניט אומזיסט,
דערמאָנסטו מיר אין שלאַכטן הייסע לעם סלאָוווטע,
אין קינדער-טעג צעשאָטענע אין מיסט.

אונדז כאָלעמען זיך נעכט פאַרכאָלעמטע מיט שנייען,
ס'איז דאָ פון וואָס דערציילן דיר און מיר.
לאָמפּן שמייכלען נאָך און מידע שאָען גייען,
איבער מאָסקווע בלאָנקען מיר אינצווייען
און שמועסן שוין דאָ ביידע אַ שאָ פיר.

V

שווימען שטיל פאַרנאַכטן נאָך פאַרנאַכטן,
אַלע טאָג קלינגט אָפּ דער זייגער „גייַען",
דאָ מיט מיר אין צימער, אין פאַרמאַכטן
איז געפערלעך פאַר אַ מיידל זייַן.

אָ, איך וויס, די מאַמע וועט ניט הייסן
און וועט זאָגן: ביסט נאָך יונג און קליין,
נאָר מיר ביידע וויסן שוין, מיר וויסן,
אַז פאַרנאַכט איז בעסער זייַן אַליין.

אַלע נאַכט ווערן די ליפּן פעסטער,
און די הערצער ווערן גרינג און בלוי,
און באַנאַכט איז יעדער פרוי אַ שוועסטער,
און באַנאַכט איז יעדער פרוי אַ פרוי.

ווערן הענט שוין נאַקעטער און הייסער,
בײַסן שאַרפֿער דײַנע ווײַסע ציין,
אָ, איך ווייס, די מאַמע וועט ניט הייסן
און וועט זאָגן, ביסט נאָך יונג און קליין.

IV

זע איך דײַן ציטער, קאָן איך ניט שווײַגן,
קאָן איך ניט שטייען, נעם איך און לויף,
מיר דראַפּען זיך ביידע אַף האַרבסטיקע צווייגן,
אַף גילדענע ביימער אין אַלטיטשקן הויף.

איך קאָן ניט געדענקען און קאָן ניט פֿאַרגעסן,
ווער האָט אונדז אינצווייען געכאַפּט אין פֿאַרנאַכט,
ווען איך האָב צום ערשטן אין שטויביקן געסל
אַף טריט ניט־באַקאַנטע מיט אומרו געוואַרט.

אַ ניכטערער האַרבסט איז אין הויפֿן געלעגן,
נאָר ווײַט אַף די וואָלקנס הענגט שוין אַ שניי,
הענג איך און קוק אַף אַנטלאַפֿענע וועגן,
מיין האַרבסטיקע קינדהייט דערזע איך אַף זיי.

מײַן האַרבסטיקע קינדהײַט אַף גילדענע צווײַגן
פֿאַלט אונדזער אָטעם אין אַלטיטשקן הויף.
זע איך דײַן ציטער—קאָן איך ניט שווײַגן,
קאָן איך ניט שטייען—נעם איך און לויף.

VII

געסלעך רויטע,
לעשט דער שטילער אָוונט,
שטערן קילע
ווערן אַזוי נאָענט;
סטאַדעס ווינט
פֿאַרלויפֿן אין די רייען;
זײַ געזונט,
מיר וועלן זיך נאָך זען.

ווען איך וועל פֿון שטעט
פֿון ווײַטע קומען,
וועסטו מיך באַגעגענען
מיט בלומען;
דאָרשט און טרויער
וועלן שוין אַנטרינען;
און כ׳וועל דיך
אַ גליקלעכע געפֿינען.

הויכע זון
און שטילע רעגנס
וועלן דיך דערמאָנען
אונטערוועגנס;
קילער ווינט
באַלייט מיך אין מײַן גייען;
זײַט געזונט,
מיר וועלן זיך נאָך זען.

פרעמדקײַט.

I

פון יענעם הייסן יאָר
אַף שטענדיק איז פאַרבליבן
דער רויך פון דײַנע האָר
אַף אַלץ, וואָס כ׳האָב געשריבן.

ווער האָט עס דײַנע הענט
פאַרשמידט אין פרעמדע רינגען?
דו האָסט מיך קאַלט געברענט,
האָב איך דיר קאַלט געזונגען.

די הייסקײַט פון דײַן בליק
האָט אופגעהערט מיך צינדן,
ניטאָ שוין אַזאַ בריק,
וואָס קען אונדז נאָך פאַרבינדן.

איך האָב מיט דיר פאַרשוועגדט
די נויטיקסטע מעסלעסן,
די רינגען אַף די הענט —
איך קען זיי ניט פאַרגעסן.

אַ יאָר איז פּאָרט אַ יאָר,
נאָר ס׳ווערן טריט ניט מידער;
דער רויך פון דײַנע האָר
אַנטלויפט פון מײַנע לידער.

II

אין אַזאַ אָוונט, אַזאַ העלן
איז שווער צו זײַן מיט זיך אין שטוב,
כ׳בין יעדער מיידל הײַנט געפעלן,
און יעדער מיידל האָט מיך ליב.

אין גאַס, אין סאָדישע אַלייען
איך גיי אַרום און לויב די נאַכט,
און מיידלעך גייען, מיידלעך גייען
אין גאַס, אין סעדער און מע לאַכט.

די בלויע זומערדיקע הייכן
כאָלעמט זיך אַ קילער שניי,
אין אַזאַ אָוונט, אַזאַ ווייכן
ווי נעמט מען פושקינען צו זיי.

צו יענע קלינגענדיקע נעמען
מיט קורצן טראָט און לאַנגע צעפּ,
מיט מוטנע ריטשקעס אונטער ברעמען,
מיט הוטן ברייט אַף שמאָלע קלעפּ.

אין אַזאַ אָוונט, אַזאַ העלן
איז שווער צו זײַן מיט זיך אין שטוב,
מיר זײַנען מיידלעך אויך געפֿעלן,
נאָר ניט אַזוינע האָב איך ליב.

גאָס.

I

ווערט מיר אַזוי טרויעריק און שווער,
ווען מײַן שכיינע גייט אַוועק צום סקווער.

איז מײַן שכיינע איצט נאָך יונג און שיין,
קומט אַהיים מײַן שכיינע ניט אַליין.

ווען דער גאַסט, דער לעצטער גייט אַוועק,
אַפֿן קישן בלײַבט אַ פֿרעמדער פֿלעק.

כאָלעמט זיך מײַן שכיינע, אַז זי איז קראַנק,
אַז זי וואַלגערט זיך לעם סקווערן אַף אַ באַנק.

איז לעם סקווערן פּוסט ווי אין אַ סטעפּ,
קיינער קושט ניט אירע לאַנגע צעפּ.

קיינער דריקט איר ניט די מידע ברוסט,
קיינער רופט זי שוין אַפֿילו ניט אומזיסט.

פליען שטיינער פונעם לײדיקן אַרום,
ליגט מײַן שכיינע וואָלקנדיק און שטום.

. . . .

איז מײַן שכיינע איצט נאָך יונג און שיין,
קומט אַהיים מײַן שכיינע ניט אַליין.

II

אַלע טאָג אינדערפרי, ווען מײַן פענצטער איז גרוי,
ווען די הייך איז געדיכט און ס'איז ליידיק דער שליאַך,—
זע איך בלאָנדזשען אַ פרוי, אַ פאַרגעסענע פרוי,
אַ פאַרלוירענע פרוי, אָן אַ היים, אָן אַ דאַך.

שווימען טעג, גייען נעכט לעם מײַן שטענדיקער שוועל,
און איר גאַנג איז ניט דער, און איר בויך איז ניט דער,
און איר קערפער ווערט אַלט, ווי מײַן אַלטער שינעל,
און די האָר ווערן גרוי, ווי די גראָזן באַם סקווער.

איך געדענק זי פונלאַנג. ז'איז געווען אומעטום,—
באַ באַנדיטן געווען און געווען אין אַרמיי,
און איר קערפער צעשענקט אַזוי קאַלט, אַזוי שטום,
אַזוי קאַלט, אַזוי שטום, ווי פאַרטונקלטער שניי...

קומט די נאַכט—ווערן ביימער פאַרוואָלקנט און גרוי,
גייט זי זוכן אַ פריינט מיט אַ היים, מיט אַ דאַך.
אַלע טאָג אינדערפרי זע איך בלאָנדזשען אַ פרוי —
אַ פאַרגעסענע פרוי אַף פאַרטאָגיקן שליאַך.

III

אַף ברעגן אַף גרינע, אין שטעט אַף די גאַסן,
צעגיסט זיך אַ נאַכט אַזוי גרינג און געלאַסן.

צעגיסט זיך אַ נאַכט איבער גאַסן צעשראָקן,
צעשיטן זיך מיידלעך פֿון קעלערשע שטאָקן.

אין זוכעניש שווערן, פֿון נאַכט ביז באַגינען,
אַ קוינע, אַ קוינע אַף גאַסן געפֿינען.

עי, כעוורע, באָכורים פֿון מאַרקן און הויפֿן,
מע קען פֿאַר אַ גילדן אַ מיידל דאָ קויפֿן.

אין סעדער אַף בענק און אַף טריעפּ און אַף בעטן,
מע קען פֿאַר אַ גילדן אי קושן, אי גלעטן.

עי, כעוורע באָכורים, אין אָוונט אין גרינעם,
ווו קען מען נאָך וועלוולער אַ מיידל געפֿינען?

צעשיטן זיך מיידלעך פֿון אונטערשטע שטאָקן,
מיט דאָרשט אין די אויגן, מיט נאַכט אַף די לאָקן.

האַרציקע מיידלעך, בלאָנדע אומזיסטן,
מיט פֿראָסט אַף די ליפּן און טויט אַף די ברוסטן.

אַף ברעגן אַף גרינע, אין שטעט אַף די גאַסן,
גיסט זיך די נאַכט אַזוי גרינג און געלאַסן.

IV

אין אַ פינצטערער סיטקע, אין אַ פראָסטיקער נאַכט,
בלאָנדזשעט אַ מיידל אַ בלאָנדע און וואַרט.

אין אַ פינצטערער סיטקע גיי איך און גיי,
רופט מיך אַ מיידל צו זיך און אַף טיי.

רופט מיך אַ מיידל, גיי איך צו איר;
פאַרשנייט איז דער גאַנעק, פאַרווייט איז דיר טיר.

געעפנט דעם צימער. אין צימער איז שפעט,
אַ טעפּיך אַן אַלטער, אַ טיש און אַ בעט.

זי בלאָזט אַף דער שײַן מיט אַ בלייכן געזיכט.
— „מע דאַרף ניט, מע דאַרף ניט פאַרלעשן די ליכט".

זשומעט דער פּרימוס און וואַרעמט די טיי,
פון יענער זײַט פענצטער שיט נאָך אַ שניי.

זי האָט מיך געבעטן דערלאַנגען דעם ווײַן,
אויסטון דאָס רעקל און לעשן די שײַן.

נאָר איך בין געזעסן. האַרץ האָט גענאָגט,
איך האָב זיך געזעגנט און שטיל איר געזאָגט:

— „מע דאַרף ניט, מע דאַרף ניט פאַרלעשן די ליכט,
איר האָט מיך אומזיסט אַף די גאַסן געזוכט".

ליגן אַף ליפּן פֿאַרשוויגענע רייד,
זאָגט מיר דאָס מיידל, אַז טיי איז שוין גרייט.

דאַנק איך דעם מיידל, דעם בלאָנדן פֿאַר טיי.
פֿון יענער זײַט פֿענצטער פֿאַלט נאָך אַ שניי.

V

ווען איך גיי אַרום באַנאַכט אין שלאָף פֿון שטעט,
ווען איך זע אַ מיידל בלאָנדזשען שפּעט,
ווער איך טונקל,
ווער איך בלייך,
ווער איך רויט
און אַ ציטער דרימלט אַף מײַן הויט.

כ'ווייס ניט, ווער איז שולדיק:
איך, צי זי.

וויפֿל שמייכלען האָט זי שוין צעשענקט,
וויפֿל נעמען האָט זי שוין פֿאַרברענט.
קומען קוינים פֿון דער נאַכט און פֿונעם שענק,
קויפֿן קוינים:
קאַלטע אויגן,
קאַלטע קושן,
קאַלטע הענט.

כ'ווייס ניט, ווער איז שולדיק:
איך, צי זי.

מעסט זי נעכט אין שלעפעריקע טעג
און זי פילט ניט ווי אונטער די פוס,
ווי פון וועגן אירע לויפט אַ וועג,
לויפט אַ וועג און טראָגט אַ פרישן גרוס:

ווען פאַבריקן שלאָפן — איז באַנאַכט,
ווען פאַבריקן הודען — ווערט גאַנצפרי.
כ׳ווייס ניט, ווער איז שולדיק:
איך, צו זי?

דניעפּרבוי

דעם כאָוועך און לערער —
מ. ליטוואַקאָוו
מיט ליבע

עלטער ווערן ביימער אַפּן ברעג דעם גרויסן,
קעלטער בלאָזן ווינטן אינעם אַלטן פּאַרק;
איבער אַלע ברעגן גלאַנצט דערזעלבער דרויסן,
און דיזעלבע גראָזן בליען אַפּן באַרג.

ביינער ליגן ערגעץ אין די טיפסטע טיפן,
קיינער ווייסט ניט ווען און ווער האָט זיי געבראַכט.
האָבן זיי געלאָזט דאָ טאָטערן צי סקיפן,
אָדער קאָמיוגיסטן אין א ויסטער נאַכט?

קומען נייַע שיפלעך פון אַנטפלעקטע ווייַטן,
שווימען אַלטע שיפלעך אָפּ אַהין צוריק,
און אַף ברעגן גרויע הענגען יונגע צייַטן,
און אַף ברעגן אַלטע הענגט א נייַער בריק.

יונגען אין די טויזנט האָבן זיך געשליפן
אינעם אַלטן אומרו פונעם דניעפּרס רו,
אינעם קאַלטן אָטעם פונעם דניעפּרס טיפן —
. . . .
און אַסאַך פון יענע זייַנען שוין ניטאָ.

עלטער ווערן ביימער אַפן ברעג דעם גרויסן,
קעלטער בלאָזן ווינטן אינעם אַלטן פּאַרק;
איבער אַלע ברעגן גלאַנצט דערזועלבער דרויסן,
און דיזועלבע גראָזן בליען אַפן באַרג.

אַזוי ווי סע בײַטן זיך טעג מיט פֿאַרנאַכטן,
בײַטן זיך אונדזערע מענטשלעכע טריט;
געווינט איז דער דניעפּר צו ראַש און צו שלאַכטן,
געווינט זײַנען ברעגן צו טויט און צו בלוט.

אַמאָל האָט כמעלניצקי געיאָגט און געצונדן,
מאַזעפּע האָט אויך דאָ זײַן נאָמען פֿאַרקריצט.
יאָרן פֿאַרגייען און מאַכנעס פֿאַרשווינדן,
נאָר נעמען פֿאַרבליבן, פֿאַרשריבן ביז איצט.

פֿון גאַנצן איז אויך א לעגענדע פֿאַרבליבן,
געדענקען נאָך אַלע זײַן ראַשיקן וועג;
מיט בלוט און מיט טויט האָט דער דניעפּר פֿאַרטריבן,
האָט דער דניעפּר פֿאַריאָגט די פֿאַרגאַנגענע טעג.

און ברעטלעך און שטיינדלעך, און אַלטיטשקע קוואָרים,
וואָס ליגן און פֿוילן אין פֿרייִקער זון,
דערמאָנען, אַז דאָ האָט געהוליעט א שטורעם,
דערמאָנען, אַז דאָ זײַנען מענטשן געווען.

אַזוי ווי סע בײַטן זיך טעג מיט פֿאַרנאַכטן,
בײַטן זיך אונדזערע מענטשלעכע טריט;
געוווינט איז דער דניעפּר צו ראַש און צו שלאַכטן,
געוווינט זײַנען ברעגן צו טויט און צו בלוט.

Чуден Днепр при тихой погоде.
Н. Гоголь.

שיין איז דער דניעפּר — האָט גאָגאָל געזאָגט.
האָט גאָגאָל געזאָגט און איז הײַנט נאָך גערעכט.

נאָר אַמאָל, ווען באַם טײַך האָט שוין לאַנג ניט געטאָגט,
האָט שוין לאַנג ניט געטאָגט, און געפּענטעטע נעכט
האָבן גרויזאַם געיאָגט אַפֿן פינצטערן ברעג,
און געוויינט האָט דער באַרג און גערוישט האָבן טעג...

און אַמאָל, ווען באַם טײַך האָט שוין לאַנג ניט געטאָגט,
און שטאָט איז געלעגן אין פלאַם און אין רויך,
און וואָלקנס זיי האָבן געגאָסן פון הויך,
געגאָסן אַף גאַסן מיט בלײַ און מיט שרעק.
האָבן מאַמעס געקלאָגט, זײַנען טאַטעס אַוועק ...

פון הויכן באַרג און פון זוניקן פעלז,
זײַנען קינדער געפלויגן אין רויִקן טײַך,
א וואָרף און אַראָפּ,
און א וואָרף און אַראָפּ

מיט לײַבער צעהאַקטע, ווי אָקסן אין בוינע,
צעשניטענע קעפּ און צעשטאָכענע אויגן...
פון הויכן באַרג און פון בליענדן פעלז
אין א זוניקן טאָג זײַנען קינדער געפלויגן...

געיאָגט האָט מיט גרויל פונעם זוניקן טאָג,
געיאָגט האָט מיט גרויל און מיט טויט און מיט קלאָג;
ווען שטילקײַט אַליין האָט געשריגן,
האָט דער דניעפּר זיך רויִק געוויגט
און זיך רויִק געשוויגן...

ווען אַף אים, אַפן טײַך האָבן כוואַליעכלעך רויטע
פון קאָמיוגישן בלוט זיך באַוויזן,
ווען דערנאָך זײַנען קערפּערס צעהאַקטע אַף כוואַליעס געשוווּמען,
זײַנען טאַטעס און מאַמעס מיט אויגן פאַרווײנטע געקומען
צו ברעגן צעדולטע,
צו ברעגן פאַרשײַטע.
אין רויכיקע שטעט און אין דערפער אין ווײַטע
געגאַן זײַנען בייזע געשלעגן,
און דער דניעפּר איז רויִק געלעגן,
ווי באַנאַכט, ווען ער שלאָפט,
און אַף ברעגן אַף נאַכטיקע כאָלעמען וועלדער.
מיר געדענקען נאָך גוט די פאַרגאַנגענע נעכט,
ווען דער וואַלד האָט גערוישט, ווען דער ברעג האָט געקלאָגט...

. . . .

שיין איז דער דניעפּר — האָט גאָגאָל געזאָגט.

אַף בּרעגן אַף פֿינצטערע כאָלעמען וועלדער,
באַדעקטע מיט נאַכט און מיט נאַכטישער רו,
און שטערן צעשיטן זיך שטיל אַפֿן ברעג,
הימל איז טונקל און שלאָפֿט אַפֿן וואַסער,
אַ שיפֿל גייט אָפּ פֿונעם ברעג ערגעץ ווײַט
און שלעפּט זיך אַליין אַף פֿאַרשלאָפֿענע כוואַליעס.
דאָס שיפֿל גייט אָפּ און סע שווימט, און סע שווימט.
און מע זעט ניט ווּהין, און מע ווייסט ניט פֿונוואַנען
טראָגט זיך א ליד פֿון א נאָענטן וואַלד,
הערט זיך א פֿײַף פֿון פֿאַרדרימלטע באַנען.
רו͏יִק איז דאָרט אַפֿן דניעפּר באַנאַכט.
אַלץ איז פֿאַרטאַיעט און שווײַגט אַף די בּרעגן,
קלויסטערשע שפּיצן אין נאַכטישן רויך
ווילן ניט רוישן און ווילן ניט קלינגען.
אינזעלעך ליגן ווי היימלאָזע שליופּקעס.
אין זײַדענע פֿאַלדן פֿון טונקעלער לופֿט
באַהאַלט זיך פֿאַרדרימלט דאָס איינציקע שיפֿל,
אַף וואַסערן בלויע, אַף ווערסטן פֿון רו
שפּרייט זיך א נײַע, א גאָלדענע שאָ.

אַפֿן ברעג און לעם דעם ברעג שטערן בלייכע פֿינקלען,
בלאָנקען די שיקורים אין די טונקלע ווינקלען.

קומט א אָוונט אַפֿן ברעג הייבט מען אָן צו בענקען,
הייבט מען אָן צו בענקען,
גייט מען אין די שענקען ...

און די לידער רוישן, און די פֿלעשער קלינגען,
אַפֿן שענקערס פֿעטע פֿינגער גלאַנצן נײַע רינגען.

זיצן זיי און שווײַגן, זיצן זיי און טרינקען,
און איך זע: אין טיפֿקײַט לעשן זיך די פֿונקען.

פֿרעג איך זיי מיט גרויע שווײַגנדיקע אויגן:
וואָס האָט זיי געצווונגען און וואָס האָט זיי געצויגן?

זיצן זיי און טרינקען, זיצן זיי און זינקען,
און איך זע: אין טיפֿקײַט לעשן זיך די פֿונקען.

פֿרעג איך בײַ די ביימער, פֿרעג איך בײַ דעם דרויסן:
וואָס האָט זיי געטריבן און וואָס האָט זיי געשטויסן?

נאָר דער דרויסן זאָגט ניט, און די ביימער שווײַגן,
ווען די ביימער שווײַגן אָטעמען די צווײַגן.

עפּשער זײַנען שולדיק יענע גרויע כאַטעס,
עפּשער גאָר די זיידעס און עפּשער גאָר די טאַטעס?

קוקן די שיקורים מיט פאַריאָגטע אויגן,
אונטער בלויע פענצטער איז די נאַכט געפלויגן.

אונטער בלויע פענצטער
פליסן קלאַנגען קלאָרע.
א קודלאַטער בעטלער
שפּילט אַף א באַנדורע:

„טראָגט זיך מײַנע לידער
„איבער מײַן אוקראַינע!
„ווּ זײַנט איר, ברידער,
„זאַפּאָראָזשצעס מײַנע?

„טײַערע קאָזאַקן,
„אוי, האָט איר געשונדן
„זשידעס און מאָסקאַליעס!

. . . .

„כ׳בעט אײַך העלפט א בלינדן!

„אוי, האָט מען געהוליעט,
„אוי, האָט מען געשניטן,
„די קאַזאַצקע וואָליאַ
„אַף א ליאַך פאַרביטן.

„ליבע הייַדאַמאַקעס,
„האַרציקע און נאָענטע!
„ווּ-זשע זייַנט איר איצטער,
„זשעליעזניאַק און גאָנטע?

„וועגן אייַער דאָליאַ
„זינגט שוין איצט ניט קײנער,
„ערגעץ טיף אין דניעפּר
„שלאָפן שטיל די ביינער".

ווען דער בלינדער ענדיקט
שייַנען שוין די שטערן.
שטייען די שיקורים
און מע ווישט די טרערן.

אַף דעם ברעג דעם אַלטינקן
איז א שניי געפאַלן,
בייגן זיך די שטיבעלעך
פונקט ווי באַ שאַגאַלן.

קרומען זיך די שטעטעלעך,
קרומען זיך און וואַרטן,
ווער ועט זיי באַשײַנען
זייערע פאַרנאַכטן.

גרוי איז אין די אָוונטן,
גרוי איז דער פרימאָרגן.
וויפל קויכעס ליכטיקע
ליגן דאָ פאַרבאָרגן.

אוי, די דראָטן רוישן ניט,
אוי, די דראָטן שווײַגן,
טויזנטער לעוואָנעס
הענגען אַף די צווײַגן.

נאָר לעוואָנעס אלטינקע
שיקן ניט קײַן שטראַלן,
בייגן זיך די שטיבעלעך
פּונקט ווי באַ שאַגאַלן.

ווילט זיך א כאַפּ טון, א ריס טון פון שלאָף
און שפּאַנען נאָך העכער און העכער;
טויזנטער שמייכלען בליען ניט אויף
דאָרט אונטער טרוקענע דעכער.

זון האָט די שטרויענע דעכער פאַרברענט,
טירן און פענצטער פאַרשלאָסן;
ליגן דאָרט הונדערטער יידיקע הענט
מיט נאַכט און מיט הונגער באַגאָסן.

גרויער דאָס שטעטל, איז גרויער די פרייד,
ווייניק נאָך לידער פאַרשפּיטע.
דאָרט ווו די נאַכט איז צעזייט און צעשפּרייט
ווינקעלעך פרעמדע און וויַיטע.

דאָרט, ווו ס'איז שטויביק און דאָרשטיק און וויסט
בליונג וועט אופגיין העכער,
לאָזט זיי ניט שטאַרבן די שמייכלען אומזיסט
דאָרט אונטער טרוקענע דעכער.

װען איך זע אַ צעבראָכענעם פּלויט,
װערט דער קאָפּ מײַנער שװער װי אַ װאָלקן.
אוי, האָב איך ליב װען מע בױט
און סע װאַקסט אַ באַלקן נאָך אַ באַלקן.

ס׳איז ניט גרינג מיט אַ ליידיקער האַנט
אַזאַ כאָרעװון דרױסן צעבױטען,
טוט מיר װיי פֿאַר מײַן שטרויענעם לאַנד
מיט פֿאַרװוּנדעטע כאַטעס און פּלויטן.

איך געדענק: כ׳האָב געזען פֿון װײַט,
װי סע פֿלעגן די שטעטעלעך ברענען,

. . . .

איצטער שטייען די שטעטלעך באַנײַט,
און די געסלעך איז שװער צו דערקענען.

דער דניעפּר איז ברייט װען ער לויפֿט
און צעװאַרפֿט זײַנע כװאַליעס װי פֿונקען,
די זון הענגט און װאַרעמט דעם הויף,
נאָר דער װינט ליגט און שװײַגט אין די װינקלען...

וואָס איז ווינט? ווען מע שטייט און מע בויט,
און סע וואַקסט א באַלקן נאָך א באַלקן?

. . . .

ווען איך זע א צעבראָכענעם פּלויט
ווערט דער קאָפּ מײַנער שווער ווי א וואָלקן.

צעוואָרפענע שטעטלעך פון נאָענט און ווײַט —
איך האָב אײַך דערזעען און האָב אײַך באַפרײַט.

פון יענער זײַט קאַרן, פון יענער זײַט ווייך
א שטעטל א קליינס און א שטעטל א צווייטס.

און דאָרטן אין גרויער, אין שטויביקער היך
פון יענער זײַט דניעפּר א שטעטל א דריטס.

געדיכט זײַנען שטויבן און קאַלט איז די זון,
איז ווו זיך א קער טון און וואָס זאָל מען טון?

מיט היימלאָזע אויגן און היימלאָזע הענט
זיי בלאָנקען אָן אַרבעט און ציילן די ווענט.

פון יענער זײַט קאַרן, פון יענער זײַט ברייט
ליגן די שטעטלעך צעזייט און צעשפּרייט.

איז געקומען א מענטש און געזאָגט אָט אַזוי:
—„מע ווייסט שוין פון לאַנג, אַז דער הימל איז בלוי".

דער מענטש האָט געזאָגט און דער ברעג האָט געוווסט,
האָבן כוואַליעס געקויקלט זיך יאָרן אומזיסט.

איז א כוואַליע אַוועק און געקומען צוריק,
און הויך אַפן טײַך איז געהאַנגען א בריק.

אַלציינס אין דעקאַבער, אין מאַרט און אין מײַ!
האָט געיאָגט אַפן בריק א געפּאַקטער טראַמווײַ.

האָט דניעפּר געררישט און טראַמוויי האָט געיאָגט,
איז געקומען א מענטש אין קיטשקאַס און געזאָגט.

דער מענטש האָט געזאָגט און ברעג האָט געוווסט:
—„געגוג זײַנען כוואַליעס געפלויגן אומזיסט"!

דער מענטש האָט געזאָגט, האָט א וואַלד זיך פאַרטראַכט,
האָט דער דניעפּר מיט זילבערנע כוואַליעס געלאַכט.

—„דער דניעפּר איז אַלט און די זון איז אונדז קאַרג,
ווען די נאַכט קומט אַראָפּ אַפּן ברעג פונעם באַרג“.

האָבן ווייַטן געלאַכט, האָבן כוואַליעס געוויינט,
ווען דער מענטש פון קיטשקאַס האָט א בלעטל געליינט.

ווען אַף בלוילעכן טייַך איז געפאַלן די נאַכט,
האָט נאָך טיף אינעם דניעפּר א כוואַליע געלאַכט.

האָבן טעג אַזוינע לאַנגזאַם זיך געצויגן,
איז א ווינט א יונגער אַפן טײַך געפלויגן.

האָט דער ווינט די כוואַליעס מער שוין ניט געטריבן,
נאָר מיט פאַלדן פײַכטע זיי א בריוו געשריבן.

זײ א בריוו געשריבן אַפן שטילן וואַסער,
מיט באַפײַכטע אויגן, מיט א פּען א נאַסער.

און פון אַלע ווערטער און פון אַלע שורעס
בלאָזט מיט נײַע גריסן און מיט שווערע בסורעס:

אַז פון דערפער נאָענט און פון ווײַטע יאַמען
קומט מען זיי פאַרבינדן, קומט מען זיי פאַרצאַמען.

און מע וועט זיי הייסן איבער די פאַבריקן,
איבער אַלע דערפער פײַערן צעשיקן.

ענטפערן די כוואַליעס: ווער-זשע קאָן אונדז צווינגען?
ס'האָט טאַראַס שעווטשענקאָ אונדז אַליין באַזינגען.

גאָגאָל האָט געשמייכלט אַף די שטילע ברעגן,
און אַהער צום דניעפּר פירן אַלע וועגן.

און די כוואַליעס רוישן, און די כוואַליעס לאַכן,
און דער ווינט צעיאָגט זיי איבער ווײַטע שליאַכן.

איבער אַלע געסלעך, איבער אַלע דירעס
גייען זיי די נײַע טרויעריקע בסורעס:

אַז פון דערפער נאָענט און פון ווײַטע יאַמען
קומט מען זיי פאַרבינדן, קומט מען זיי פאַרצאַמען.

פון אוקראַינער שטילע פעלדער,
פון די דערפער און די שטעטלעך,
פון סיבּירער בּלויע שנייען,
איבער שטעט און איבער וועלדער
יאָטן גייען,
יאָטן גייען.
און ווי אַלטע גוטע שכנים
שטייען בּיימער און זיי וויינען:

„אָט די אינזלען, אָט די אינזלען
„וועט מען מעסטן, וועט מען גלייַכן
„און די קליאָנען און די דעמבּעס
„אַף די בּרעגן פון די טייַכן
„וועט מען האַקן, וועט מען שנייַדן,
„וועט מען שניצן, וועט מען שינדן,
„און די דעמבּעס וועלן קראַכן,
„און די קליאָנען וועלן שרייַען,
„וועט א דונער זיך צעלאַכן
„און א בּליץ וועט זיך צעבּרענען,
„און דער אַלטער, אַלטער דניעפּר

„וועט אַליין זיך ניט דערקענען. —
„נאָר די בלעטלעך וועלן וויאַנען,
„און די צווײַגן וועלן ליגן,
„און די סטויפּעס וועט מען פירן
„אַף באַזונטע פּרעמדע וועגן".

אין אוקראַינער שטילע וועלדער
וואַקסן ביימער שטענדיק העכער;
אין אוקראַינער שטילע דערפער
פאַלן לידער אַף די דעכער.
וועלדער וואַרטן. ביימער שטייען.
יאַטן גייען,
יאַטן גייען.

איך שטיי אַפן פלאַץ פון מײַן נעכטיקער היים,
שמייכלט צו מיר יעדער ברעט, יעדער שטיין.

פון איין זײַט א האמער, פון צווייטער א זעג,
און קלאָר איז מײַן אויסוועג און קלאָר איז מיין וועג.

אין וואָכן פון אומרו, אין שאָען פון שרעק,
זײַנען שטעטלעך און שטעט מיטן פײַער אַוועק.

אָ-דאָרט אַפן שליאַך, אַפן אַשיקן שליאַך
א דאַך אָן א שטוב און א שטוב אָן א דאַך.

פון איין זײַט א האַמער, פון צווייטער א זעג,
און דאָ איז מיין אויסוועג, און דאָ איז מײַן וועג.

מיר ווינען אין דרויסן, אין דרויסן איז וואָס?
א דאַך איז דער הימל, א בעט איז דאָס גראָז.

אָט וואַרטן שוין ברעטער, אָט פירט מען שוין ליים,
אָט שטייט שוין א וואַנט פון מײַן אַלעמענס היים.

ס'וויגט זיך א פענצטער, ס'שמייכלט א טיר,
איך פיל זי די שפראַך אינעם שמייכל צו מיר.

וועט שמײַסן א רעגן מיט האַרבסטיקן ווײַן,—
נישקאָשע, נישקאָשע, א שטוב וועט דאָ זײַן!

כ'בין שיקער פון אײַך, מײַנע ניכטערע טעג.
און ליב איז מײַן אויסוועג און ליב איז מײַן וועג.

צי האָט איר געהערט, ווי סע קוּיעכצן די דעמבעס
באַטאָג אין די וועלדער אַף בּרעגן פון דניעפּר?
צי האָט איר געזעען, ווי סע פאַלן די דעמבעס
אַף ערדן אַף פייַכטע אין טונקעלע וועלדער?
צי האָט איר געהערט, ווי ס׳רוישן די דעמבעס,
ווי ס׳טראָגט זיך דער רויש איבּער וואַלדישע וועגן,
ווען אַרבּעטער קומען מיט העק און מיט זעגן?

צי האָט איר געהערט, ווי סע שרייַען די דעמבּעס,
ווען פּויערים קומען און שינדן די קאָרע,
ווען ס׳הייבּן זיך העק אַף צעפּאַטלטע צווייַגן,
ווען זיי פאַלן אין שטויבּ אין ראַש און אין ווונדן?
צי האָט איר געהערט, ווי סע שווייַגן די דעמבּעס,
ווען זיי ליגן אַף וואָגנס געבּונדן?

צי האָט איר געזעען, צי האָט איר געזעען,
ווי זיי ליגן און נורען זיך איינער צום צווייטן,
ווי ס׳שלעפּן זיך וואָגנס אַף זאַמדיקע וועגן,
ווי ס׳בּרענט זיי די זון און סע שווענקט זיי דער רעגן,
און פּויערים שווייַגן און טרייַבּן די אָקסן,

און דאָרט אינעם וואַלד, וווּ זיי זײַנען געוואָקסן
גייט מען שוין ווידער מיט העק און מיט זעגן.

צי האָט איר געהערט, ווי סע קרעכצן די דעמבעס?

רויִקע באַרזשעס פאַרטראַכטע און ברייטע אַף רויִקן דניעפּר
גייען פאַמעלעך און טרײַבן פאַמעלעך די פאַלדן פון וואַסערן קילע,
שמעקט פון די באַרזשעס מיט פײַכטע אוקריײַנישע סטעפּעס.
רויִקע באַרזשעס פאַרטראַכטע און ברייטע אַף רויִקן דניעפּר
שלעפּן צעזוגענע דעמבעס און סאָסנעס פון וועלדער פון שטילע.

וואַסערן לויפן באַ ברעגיקע קאַנטן און טרייבן די שליופּקעס און שיפן,
דרייען זיך כוואַליעס, הייבן זיך כוואַליעס און פאַלן אין וואַסערן קלאָרע,
קנייטשן זיך כוואַליעס און שמייכלען מיט זון און מיט ווינטן געשליפן,
וואַסערן לויפן באַ ברעגיקע קאַנטן און טרײַבן די שליופּקעס און שיפן,
אָטעמען באַרזשעס מיט רו און מיט דעמבענער קאָרע.

ז

שווערער פון היימישע דעמבעס פון וואַלד זײַנען פרעמדע מאַשינען.
גייען נאָך שטילער די באַרזשעס אַף כוואַליעס מיט פרישקײַט פאַרווייטע,
איז דאָ אַזאַ שווערקײַט אין גאַנג פון די באַרזשעס די ברייטע,
איז דאָ אַזאַ גרויסקײַט אין באַרזשעס, וואָס שלעפּן די פרעמדע מאַשינען
און האָבן א רו אַפן רוישיקן דניעפּר געפונען.

פון יענער זײַט טײַך איז א װעלדל פֿאַראַן,
זײַנען טעג דאָרטן שטיל, זײַנען נעכט דאָרט פֿאַרשײַט.
איז אמאָל אין א נאַכט דאָרט א מײדל געגאַן
מיט א סאָד, מיט א בריװ צו דער סױנישער װײַט.

האָבן װאַלדישע טעג דאָרטן סודעס געװוּסט,
האָבן פֿינצטערע נעכט דאָרטן סודעס געהיט,
האָבן מענטשן געלעבט דאָרט אין צװײַגישן מיסט,
געלעבט און געװאַרט און געטשאַטעװעט טריט.

איז דאָס מײדל געגאַן, האָבן שאָטנס געיאָגט
און דאָס האַרץ האָט געקילט אין דער װאַלדישער פֿרעמד,
האָט א מענטש זי געכאַפּט און געקושט ביז פֿאַרטאָג
און געפֿונען דעם סאָד אינעם מײדלשן העמד.

איז באַנאַכט אַפֿן דניעפּר אי פֿינצטער אי קאַלט,
און דער װאַלד איז פֿאַרצאַמט פֿון בײמער—א פּלױט.
איז געקומען דער טאָג און געפֿונען אין װאַלד
א צעפּליקטן שינעל און א לײַב, װאָס איז טױט.

אַזוי האָט א דעמב, וואָס מ׳האָט נעכטן געבראַכט,
דערציילט אין דער שטיל פון א וואַלדישער נאַכט
אין א פינצטערן וואַלד, אין אַ פינצטערער פרעמד,
פון א מיידל א יונגס אין א בלוטיקן העמד.

יאָגן הייַנט די כוואַליעס דול און דולער...
וואָס בייגן זיך די גראָזן?
וואָס לויפט אַזוי דער ווינט?
און שיפלעך יאָגן גיכער און מענטשן ווערן שטילער, —
אָ, אינזעלעך. אָ, אינזעלעך, וואָס ציטערט איר אַצינד?

געדענקט איר ניט, ווי פרי״ר מיט הונדערטער יאָרן
געווען זייַט איר אַן אָרט פאַר פייַער און פאַר נאַכט,
ניט איינער האָט אַף אייַך זייַן הייסן קאָפ פאַרלאָרן,
און איר זייַנט שטיל געלעגן און געוואַרט?

געדענקט איר, וויפל זאַפאָראָזשצעס טויטע
פאַרלאָזט האָט מען אַף יענע גרינע טרעפ,
קאָזאַקן שיקערע מיט גאַרטעלעך מיט רויטע,
מיט וואָנצעס לאַנגע און געגאָלטע קעפ?

איר ליגט און שווייַגט. סע קומען נייַע יונגען
און לידער נייַע קלינגען אַפן טייַך,
סע לויפן טעג, און כוואַליעס ווילדע שפרינגען,
און נייַע כוואַליעס שפרייטן זיך אַף אייַך.

און אונטער יונגע כוואַליעס וועט איר ליגן,
און איבער אײַך וועט רוישן דניעפּרבוי.
אָ, אינזעלעך, אָ, אינזעלעך, אַף ברייטע וואַסער־וועגן,
אָ, אינזעלעך, אָ אינזעלעך, וואָס ציטערט איר אַזוי?

עד, און ווען די כוואַליעס וועלן זיך צעלויפן,
וועלן זיי פּאַרטרינקען דרײַ טויזנט הויפן

מיט פעלדער און מיט סעדער, מיט לאָנקעס און מיט ערד,
מיט גראָזן און מיט ביימער, מיט טעג און מיט נעכט.

דרײַ טויזנט הויפן, דרײַ טויזנט הויפן
וועלן זיי פּאַרטרינקען, ווען זיי וועלן לויפן.

און קיינער וועט ניט שרײַען, און האָנען וועלן ניט קרייען,
ווען די גרויסע וואַסערן וועלן אַף זיי גייען.

ווערבעס וועלן ציטערן און הוידען זיך, און בוקן
פּאַר יאָגנדיקע כוואַליעס, פּאַר שווימענדיקע בריקן.

זוואָנעצקי און וואָלאָנסקי, מאַנדריוקע און קאַדאקע,
איין-און-צוואַנציק דערפער מיט סעדלעך און מיט כאַטעס.

און הימל וועט ניט וויינען און דרויסן וועט ניט רעגענען,
ווען ס'וועלן פויערים מיט דערפער זיך געזעגענען.

בעהיימעס וועלן רעווען און פערד וועלן זיך נויגן,
די דערפעלעך באַלייטן מיט אומעטיקע אויגן.

צען טויזנט דעסיאַטינעס צעוואַשן און צעשווענקען,
און קיינער וועט ניט קלאָגן, און קיינער וועט ניט בענקען,

די פויערים פאַרנעמען די קלימקעס און די סאָכעס,
די לאָשעקעס, די אָקסן און זייערע מישפּאָכעס.

ווײַל דאָרטן אַף די בערג איז ליכטיקער און העכער.
געבײַדעס וועלן וואַקסן מיט גלאַנצנדיקע דעכער.

מיט הויפן און מיט שטאַלן, מיט טישן און מיט בעטן,
מיט גאַנעקעס מיט הילצערנע און רויטינקע שטאַכעטן.

דרײַ טויזנט הויפן גייען זיך דערטרינקען,
און קיינער וועט ניט וויינען, און אַלע וועלן זינגען.

שוועבנדיקע וואַסערן, שוועבנדיקע ברעגן, —
מיט צעצוימטע ווערטער לויף איך אײַך אַנטקעגן.

שווער איז דעם געפונען, ווער ס'האָט ניט פאַרלאָרן
אַף די הייסע ברעגן כאָטש אַ בינטל יאָרן.

זײַנען מיר געגאַנגען, האָבן מיר געוואַנדערט,
ווער עס איז געווען דאָרט, דער וועט ווידער זײַן דאָרט.

לאַכנדיקע, הונגעריקע, זינגענדיקע ברידער!
ווער עס איז געווען דאָרט, דער וועט ווידער זײַן דאָרט.

טרויעריקע, פריילעכע שיקערע מעסלעסן,
אויב איך קאָן געדענקען, קאָן איך אויך פאַרגעסן.

איז מיר אַזוי יאָנטעוודיק, איז מיר אַזוי פריילעך,
וואָס פון אײַער גרויסקייט אַזוי גרינג דערצייל איך.

יאָגנדיקע וואַסערן, יאָגנדיקע ברעגן, —
מיט באַפרײַטע ווערטער פלי איך אײַך אַנטקעגן!...

אין רויִקן קיטשקאַס, אין אַלטיטשקן קיטשקאַס,
ווו ס'האָבן זאַפּאָראָזשצעס געהוליעט און געצונדן,
וואָס זשומעט זי אַזוי די וואָכעדיקע גאַס?
ווּהין איז זי די רויִקייט פאַרשוווּנדן?

וואָס קלינגען דאָ מיט פרייד די וואָכעדיקסטע טריט?
וואָס גלאַנצן אַזוי העל די וואָכעדיקסטע רויכן? —
מע טעסעט דאָ געהילך, מע האַמערט דאָ גראַניט,
און מאָרגן וועט די גרעסטע הרעבליע זיך דאָ הויכן.

אַהערצו קומט מען אָן פון נאָענט און פון ווייַט,
און אויגן, הענט און הערצער ציען זיך אַהערצו;
און דאָרטן, ווו דער ווינט פלעג בונטעווען פאַרשייַט,
בונטעווען די הענט, די אויגן און די הערצער...

און אומעטום דאָ שלאָגט מיט אונדזער הייסן בלוט,
אין שטעטעלע, אין שטאָט, אין דערפעלע אין בלינדן,
און קלינגען וועט די שאָ, וועט קומען די מינוט,
וועט רויִקער קיטשקאַס אין וואסערן פאַרשווינדן.

אין זומער אין העלן
איז מערער נאָך פונקען,
אין וואַסערן אַלטע
פון דניעפּרישן סטעפּ;
מיר זײַנען געקומען
פאַרטרינקען די שוועלן,
די שוועלן פאַרטרינקען,
די שטיינערנע טרעפּ.

זיי זײַנען געלעגן,
ווי שאָמרים, ווי אַלטע
און האָבן געשוויגן,
און האָבן געהיט
די סוידעס די קאַלטע
פון אוראַלטע טריט.

מיר זײַנען געקומען
פון שטעט און פון דערפער
די אינזלען, די שוועלן

פאַרפלייצן, פאַרטרינקען ;
און אַלע, און אַלע
געפונענע פונקען
צעשיקן, צעשיקן
אין כאַטקעלעך קליינע,
וואָס זינקען אין פּיַין,
אין אַלע פאַבריקן,
אין ווינקעלעך אַלע,
וואָס וואַרטן אַף קרעפטן
און שיַין !

העגט מײַנע, הענט, מײַנע טויזנטער הענט,
צו אײַך איז מײַן ליד הײַנט געווענדעט.

אַלץ איז באַזינגען און אַלץ איז שוין דאָ,
נאָר איר, מײַנע הענט, אין געזאַנג זײַנט ניטאָ.

איר האָט די הונדערטער הײַזער געבויט,
איר האָט פון פעלדער געבראַכט אונדז דאָס ברויט.

אַדאַנק, מײַנע הענט, מײַנע טויזנטער הענט,
פאַר אַלץ, וואָס אין גאַנג האָט איר נעכטן פאַרברענט.

פאַר רויִקער פרייד הינטער רויִקן דאַך,
פאַר גרויזאַמער פרייד אַפן ראַשיקן שליאַך.

אומעטום, וווּ איר שאַפט, אומעטום, וווּ איר זענט,
צו אײַך איז מײַן ליד הײַנט געווענדט.

אַ פּעלז האָט אַ פּעלז דאָרטן דורעס געהיט,
אַ פּעלז נאָך אַ פּעלז איצטער רײַסט זיך און פּליט.

און פּליט אינעם טײַך, אין דער ווײַט, אינדערהייך
מיט שטיין און מיט זאַמד, און מיט שטויב און מיט רויך.

וואָס דונערט אַזוי דאָרט, וואָס הודעט און בליצט? —
אַ פּעלז האָט דאָרט טויזנטער שטיינדלעך צעשפּריצט.

און נעמט ניט דער האַמער — איז דאָ דינאַמיט,
אַ פּעלז נאָך אַ פּעלז דאָרטן רײַסט זיך און פּליט.

דער פּעלז, וואָס הייסט „ליבע", הוידעט זיך שווער,
אַ ריס און אַ שאָס — און ער הענגט שוין ניט מער.

דער „גיבער" איז אויך שוין צעפּליקט און צעשטויבט
ליגט ער אין דניעפּר, אין טיפקײַט און טויבט.

און נעמט ניט דער האַמער — איז דאָ דינאַמיט,
אַ פּעלז נאָך אַ פּעלז דאָרטן רײַסט זיך און פּליט.

קומט אַ אָוונט אַף די בּרעגן, ווערן בּרעגן פֿײַכט און קאַלט, —
ווײַט פֿון דערפֿער און פֿון שטעטלעך הענגען פֿעלזן שווער און אַלט.

אַף די פֿעלזן אַף די שווערע הענגט אַ בּריק מיט שטאָקן צוויי:
אַפֿן ערשטן לויפֿן כוואַליעס, אַפֿן צווייטן פֿאַלט אַ שניי.

הענגען פֿעלזן אַף די בּרעגן מיט יאָרהונדערטן פֿאַרוויט,
קומען מענטשן אַף די בּרעגן, און די מענטשן זײַנען גרייט.

וועלן וואַסערן זיך הייבּן אינדערהייך און אינדערהייך,
און דעם בּריק וועט מען צעהאַקן און צעטראָגן ווי אַ רויך.

און פֿאַרגעסן וועלן מענטשן, אַז אַ בּריק אין דאָ געווען,
און פֿאַרגעסן וועלן מענטשן, דאָס וואָס מיר האָבּן געזעען.

לאַנג, צוריק מיט אַ יאָר זיבּן, אין אַ שווערן גרינעם מײַ
איז פֿון בּריק אָט-דעם געפֿלויגן עשעלאָנען דרייסטע דרײַ.

עשעלאָנען יונגע יאַטן מיט שינעלן, מיט געווער,
וויפֿל הערצער, וויפֿל פֿונקען האָט דער שטראָם פֿאַריאָגט אַהער?

ווִיפֿל מאַמעס פֿלעגן וואַרטן אַף אַ גרוס פֿון יענער נאַכט?
נאָר די כוואַליעס פֿלעגן שווײַגן און קיין גרוס זיי ניט געבראַכט.

לאַנג, צוריק מיט אַ יאָר זיבן, אין אַ שווערן גרינעם מײַ
איז פֿון בריק אָט-דעם געפֿלויגן עשעלאָנען דרייסטע דרײַ.

האָבן שטראָמען זיי געטראָגן, האָבן כוואַליעס זיי געשווענקט,
אויף דעם בריק ווערט איר פֿאַרגעסן — עשעלאָנען דרײַ געדענקט.

גלעקער קלינגען, קלינגען גלעקער:
דעלעקליוז, אוליאַנאָוו, לעקערט.

אַפּן דניעפּר, אַפּן בלויען
שאָטנס ליבע זע איך שווימען,
און אָט-דאָ אין טעג פון בויען
שטיל דערמאן איך יענע נעמען.

גלעקער קלינגען, קלינגען גלעקער:
דעלעקליוז, אוליאַנאָוו, לעקערט.

קאָן איך זיך דען ניט דערמאנען
„רויטע פּרעסניעס”, „האָמלער רויען”,
ווען איך ווייס שוין לאַנג פונוואַנען
שטאַמען זיי די טעג פון בויען?

גלעקער קלינגען, קלינגען גלעקער:
דעלעקליוז, אוליאַנאָוו, לעקערט.

און מיר בענקען, און מיר בענקען,
ווי די קינדער נאָך אַ טאַטע.
זיי וועט שוין געוויס געדענקען
יעדער לעמפּל, יעדער כאַטע.

גלעקער קלינגען, קלינגען גלעקער:
דעלעקליוז, אוליאַנאָוו, לעקערט.

הענגט דער הימל יונג און צאַרט,
זינגען גראָבערס דאָ באַנאַכט.
שווימט אַ שטילע אָוונט-שאָ,
הערט מען זינגען דאָרט און דאָ.

רוט דער האַמער, רוט די האַק
אין אַ ווינקל, אין באַראַק.

און די גראָבערס זיצן שפּעט,
מע דערמאָנט באַקאַנטע שטעט:
— עך, האָט מען אַמאָל געיאָגט! —
האָט אַ גראָבער שטיל געזאָגט.

אַפֿן דניעפּער שלאָפֿט די נאַכט.
זאָגט אַ דײַטש צו זיך פֿאַרטראַכט:
— „אין מײַן לאַנד איז אַלעס דאָ,
„נאָר אַזעלכע הענט ניטאָ“.

גלאַנצט אין פֿעלד אַ נײַע גאַס,
רוישט די סטאַנציע קיטשקאַס,
שטייען לאָפּעטעס פֿאַרטראַכט,
זינגען גראָבערס דאָ באַנאַכט.

ניט אין געסלעך אַפֿן שליאַך
ברענט אַ בלויער פֿײַער,
אַף די כוואַליעס, אַפֿן טײַך
שטייט אַ קלוב אַ נײַער.

קומען אַרבעטער אַהין,
קעפּ און הענט פֿאַרברענטע;
פֿון אַ ליכטיקער מאַשין
פֿליט אַ קינאָ-לענטע.

אַפֿן ליכטיקן עקראַן
פֿליט דאָס בילד פֿאַרשײַטער:
ברענט אַ שטאָט,
פֿליט אַ באַן,
יאָגט אַ רײַטער.

אוילעם זיצט,
אוילעם קוקט,
פֿליען מאָדנע ווערטער.
מ'איז אַנציקט,

מ׳איז אַנציקט,
רופן
און געלעכטער.

פליט אַ שטאָט,
יאָגט אַ שליאַך,
ווערט דער לײַוונט בלאַסער;
שפּרינגט אַ יאַט אַף אַ דאַך —
אַט איז ער אין וואַסער.

טוט דאָרט ערגעץ זיך אַ ריס,
ווערט די וואַנט אַ הוילע, —
שרײַט
און טופּעט מיט די פיס,
בונטעוועט דעם עולם.

און אַ סאָף.
און אַזוי
ליאַרעם און גערודער,
מאָרגן פרי
איז נאָך גרוי
צו דער אַרבעט ווידער.

קומען טעג אַף די טײַכן, אַף די גילדענע ברעגן,
פֿאַלט די זון אַף די כוואַליעס, ווי אַ בראָנזענער רעגן.

שטייען טויזנטער יונגען איבער שליאַכן און הויפֿן,
פֿאַלן האַמערס און טאַנצן, כריפּען זעגן און לויפֿן.

פֿאַלט די זון אַף די יונגען, ווערן די יונגען נאָך יונגער,
פֿאַלן האַמערס נאָך שווערער, פֿליען זעגן נאָך גרינגער.

שלאָגט אַ גלייכער אָטעם פֿון די היציקע זעגן,
פֿון די בראָנזענע קערפּערס, פֿון די הענט, וואָס באַוועגן.

שרײַען סאָסנעס געפּרעסטע אינעם קלעם פֿון מאַשינען:
דאָס זײַנען די וועלדער געקומען אונדז דינען!

און פֿאַרלאָזטע זאַוואָדן מיט צעכראַסטעטע לאָדן
ווערן ווידער מיט אָטעם מיט שווערן באַלאָדן.

און אַף פּלעצער, באַוואַקסן מיט ווילדע בוריאַנען,
וואַקסן נײַע באַראַקן, פֿליען ראַשיקע באַנען.

צו דעם יאַם, צו דעם שוואַרצן פֿליען ווינטן און זינגען
וועגן נײַע זאַוואָדן, וועגן קרעפּטיקע יונגען.

טײַך מײַן ליבער, גרויסער דניעפּר, ברעגן דולע און פֿאַרשײַטע!
פּעלזן שווערע, פּעלזן אַלטע, שטראָמען אומרויִקע, ווײַטע,

שוועלן אַלטע, שטיינער גרויע ליגן רויִק און פֿאַרצאַמען
דײַנע שטראָמען, דײַנע דולע, זייער וועג צו ברייטע יאַמען.

טײַך מײַן ליבער, גרויסער דניעפּר! דײַנע שטראָמען וועסטו שיקן,
דײַנע שטראָמען וועלן לײַכטן איבער דערפֿער און פֿאַבריקן.

זאָלן ריטשקעס, טײַכלעך קליינע לעם אַ וועלדל, לעם אַ שטילן
הוידען גראָזן אַף די ברעגלעך, דרייען שלעפֿעריקע מילן.

טײַך מײַן ליבער, גרויסע דניעפּר, דו וועסט ליגן און וועסט זעען:
צו אָדעסער הייסע ברעגן שווערע שיפֿן וועלן גיין.

איבער ברעגן, איבער ברייטע, וועלן הענגען יונגע יאָרן,
שווערע שיפֿן וועלן פֿירן פֿולע זעק מיט ווייץ און קאָרן.

וועלן שיפֿן שווימען ווײַטע; דאָרט ווו וואָלקנס פֿרעמדע הענגען,
פֿרעמדע טראַקטאָרס און מאַשינען וועלן שווערע שיפֿן ברענגען.

איבער כאַטעס איבער דערפֿער הויכע לאָמפּן וועלן ברענען
גרויע פּעלזן וועלן קוקן און אוקראַיִנע ניט דערקענען.

איבער פּעלזן האָרבאַטע הענגט די זון אַ באַנייטע,
און פון ברעגן צו ברעגן יאָגן שטראָמען פאַרשייטע.
אונטער פעלזן האָרבאַטע ליגט און שלאָפט די לעוואָנע,
איז דער טאָג שוין צעהאַנגען אַף פאַרדרימלטע קליאָנען.
און אין וועלדער קודלאַטע אַף צעפּאַטלטע צווייַגן,
אַף צעפּאַטלטע צווייַגן הענגען שטערן און שווייַגן.
אַף די ראַשיקע שטראָמען פאַלט אַ שטויביקער טומל,
אַף די ראַשיקע שטראָמען יאָגט אַף שליופּקעס דער הימל.
און פון דערפער פאַרלאָזטע, פון פאַרגעסענע סעדער
קריכן אַלטע בענדיוהעס אַף צעפּאָרענע רעדער.
און בענדיוזשניקעס אַלטע פירן סטויפּעס און זעען,
ווי די שטערן די לעצטע אונטער פעלזן פאַרגייען,
ווי פון שטעט און פון דערפער אַף אַ דולער מילכאָמע
איבער טייַכן און ברעגן גייען מענטשישע שטראָמען.
און בענדיוזשניקעס אַלטע פירן שטיינער און הערן,
ווי סע שרייַען די שטראָמען, ווי סע וויינען די שטערן.
איז אַ פּאַכעד געגאַנגען, איז אַ אומרו געפלויגן
אַף בענדיוזשניקעס אַלטע מיט פאַרוואַקסענע אויגן,
גייען מענטשלעכע שטראָמען, יאָגן שטראָמען פאַרשייטע.
אַלע טאָג איבער פעלזן הענגט די זון אַ באַנייטע.

הונדערטער זאַוואָדן, הונדערטער פֿאַבריקן,
אונדזער בלוט און זאַפֿט,
הינטער אַלע שטעטלעך, הינטער אַלע בריקן
וואַרטן אַף דײַן קראַפֿט.

אונדזערע זאַוואָדן קאָנען שוין געניסן
אי פֿון גרויסן אומרו, אי פֿון גרויסער רו;
זאָל די נאַפֿט זיך צאַפּן, זאָל די נאַפֿט זיך גיסן
אין באַקו.

אין אַ לאַנד אַזוינעם איז ניטאָ קיין שוועלן,
אײגענע מאַשינען דרייען זיך פֿאַרשײַט;
איז די גרעסטע קויכעס פֿון די טיפֿסטע קוועלן
שיק זיי צו דער צײַט.

וועט מען פֿלײַסיק גיסן, וועט מען פֿלײַסיק שיקן
אין ציסטערנעס גרויע פֿליסנדיקע נאַפֿט,
הונדערטער זאַוואָדן, הונדערטער פֿאַבריקן
וואַרטן אַף דײַן קראַפֿט.

און אַהין, ווו כאַטעס אומעטיקע זינקען,
ווערט דער טײַך צעשיקן טויזנטער פונקען.

און די גרעסערע קויכעס איבער די פאַבריקן
ווערט דער אַלטער דניעפּר אומעטום צעשיקן.

איבער אַלע דערפער, שטעטעלעך און סקווערן
ווערט דער טײַך צעשיקן טויזנטער שטערן.

וועלן יענע שטערן אַזוי קאַלט ניט דרימלען,
ווי די שוועסטער זייערע אין די הויכע הימלען.

וועלן יענע שטערן זייער ליכט צעגיסן
איבער ווינקלען גרויע מיט צעשנייטע גריסן.

וועלן קנוילן פינצטערניש ערגעץ ווײַט זיך טראָגן,
וועלן וועלף און בערן אין דערפער שוין ניט יאָגן.

און די וועלף און בערן וועלן שוין ניט וואָיען
אינעם דאָרף דעם נײַעם, אינעם דאָרף דעם בלויען.

איבער אַלע ברעגן, אין אַ טאָג אַ העלן
וועט מען סטויפּעס לאַנגע אומעטום צעשטעלן.

איבער אַלע פּוסטע, אומרויִקע לענגען
וועט מען דראָטן דינע יאָנטעווודיק צעהענגען.

דאָרטן, ווו מיר האָבן ברויט און בלי געטראָגן,
וועלן זיך צעציען זינגענדיקע דראָטן.

און דער אַלטער דניעפּר וועט זיך שטיל דערמאָנען
אין די אַלטע פרײַדן, אין די אַלטע ווייען.

און אַף זיינע ברעגן רוישן נײַע באַנען,
און אַף זײַנע כוואַליעס שיפן נײַע גייען.

נאָר פּאַר זײַנע אויגן, פאַרן דניעפּרס אויגן,
וואָס איז ניט געלאָפן, וועך איז ניט געפלויגן?

ער געדענקט פון שלאַכטן יענע קאַלטע גריסן,
ווען מ'האָט בריקן הויכע אַף זיין קאָפּ געריסן.

ער געדענקט. נאָר אַלעס האָט ער שטיל פאַרשוויגן.
האָט ער דרייסט פאַרשוויגן מיט זײַן אַלטן ניגן.

נאָר אַהין, ווו כאַטעס אומעטיקע זינגען
וועט ער פאָרט צעשיקן טויזנטערער פונקען.

איך זיץ און איך קלער איבער בויגנס באַשריבענע,
איך ווייס ניט: אַזוי צי אַזוי?
איך ווייס אָבער קלאָר, אַז די טייל די פֿאַרבליבענע
דערשרײַבן וועט דניעפּרבוי.

קלאָרקײַט

ס'איז דאָ אַ ליד, זי איז נאָך ניט געבאָרן,
זי שטראָמט אין אונדז,
ווי ריטשקעס שטראָמען אין אַ טאָל;
די שאָ, די הײַנטיקע איז ניט ווי פֿאַראַיאָרן,
די ליד, די הײַנטיקע איז אויך ניט ווי אַמאָל.

מײַן האַרץ איז פֿול מיט קלאָרקײַט און מיט טומל.
איך ווייס,
אַז קלאָרקײַט איז פֿון קינדהייט מיר באַשערט,
ווײַל אַלץ, וואָס נעכטן איז געהאַנגען אַפֿן הימל
איז הײַנט צעשלײַדערט שיקער אַף דער ערד.

דערפֿאַר איז גרינג אַף מײַנע שליאַכן שפּאַנען
און וואַרטן אַף דער קומענדיקער שאָ.
נאָר
וויפֿל דיכטער זײַנען שוין פֿאַראַנען
און קײַן לידער זײַנען נאָך ניטאָ.

ס'איז שאָטן דאָ אין אַלע קלאָרסטע קלאָרן,
און צאַרטקייַט איז פאַראַן אין טיף פון האַרטסטן שטאָל;
ס'איז דאָ אַ ליד,
זי איז נאָך ניט געבאָרן,
זי שטראָמט אין אונדז, ווי ריטשקעס שטראָמען אין אַ טאָל.

מיר איז לאַנג שוין נימעס הערן
זייער סקריפּ פון לוואָנעס און נאַכט,
טויזנט יאָר האָט מען באַזינגען שטערן,
און ס׳האָט קיינעם, קיינעם ניט געאַרט.

און ס׳איז יעדערן געווען געפעלן,
און ס׳האָט יעדערער געשטערנט אין זײַן ליד;
זיבן יאָר, אַז איך באַזינג שינעלן,
זײַנען דיכטער שוין געוואָרן מיד.

קלאָגט מען זיך: ס׳איז איבעריק און נימעס
פעלדער און שינעלן אָן אַ צאָל,
און מיט מידע, הייזעריקע שטימעס
זינגט מען ווידער ווי אַמאָל.

מיר איז לאַנג שוין נימעס הערן
זייער סקריפּ פון לוואָנעס און פון נאַכט,
טויזנט יאָר האָט מען באַזינגען שטערן
און ס׳האָט קיינעם, קיינעם ניט געאַרט.

י. 1926

ד. האָפּשטיינען געשענקט

איך בין אַף די װעגן אַ היימישער,
איז אַלץ מיר דאָ קלאָר און באַקענט:
די גלײַכינקע שורעס די ביימערשע,
די הויכע, די שטאָטישע װענט.

אַ לויטערקײַט פיל איך דאָ רעגענען,
אַ קלאָרקײַט אַ זויבערע בלאָזט
פון אַלץ, װאָס סע קומט מיר אַקעגן אָן,
פון אַלץ, װאָס איך האָב שוין פאַרלאָזט.

איז טרעפט נאָך אין הויפן פאַרשװונדענע,
אין שטענדיקן ראַש פון מײַן גיין,
באַגעגן איך דיכטער געבונדענע,
װאָס האַנדלען מיט שרעק און געװיין.

װי שאָטנס פאַרלאָזטע, פאַרלאָרענע
זיי בלאָנקען פאַרדרימלט אַרום,
און קוקן אַף פרישקײַט געבאָרענער
צעשראָקן, פאַרװוּנדערט און שטום.

זיי גייען אַרום, ווי פאַרבלאָנזעטע
מיט שטילע פאַרלאָשענע טריט
און קוקן אַף פלייצעס, אַף בראָנזענע
צעשראָקן, פאַרוווּנדערט און מיד.

איך גיי ניט אַרום קיין פאַרוווּנדערטער,
ווייל אַלץ איז מיר קלאָר און באַקענט,
איך פאָדער אין נאָמען פון הונדערטער:
וויינט ניט און ברעכט ניט די הענט!

און אַלץ, וואָס סע קומט מיר אַקעגן אָן
שריי איך: דעם פלאָנטער פאַרלאָזט —
אַ קלאָרקייט אַף אַלץ זאָל דאָ רעגענען,
אויב פראָסטקייט איז צו פאַר אייך פראָסט!

לידער, לידער,
קומט צו מיר,
שוואַרצע שורעס,
ווײַס פּאַפּיר.

ליבער אָוונט —
טונקלער זײַד,
ביזט שוין נאָענט,
ביזט שוין ווײַט.

טונקלער צימער,
ווײַסע שײַן.
ווערטער, ווערטער,
קומט אַרײַן,

ווערטער שטילע
—„ניט גערוט!
נאָט אײַך אומרו,
נאָט אײַך בלוט.

פרעמדע ווערטער
ווערן שווער,
יונגע ווערטער,
קומט אַהער!

יונגע ווערטער
— אַלטער ווײַן! —
לידער, לידער,
קומט אַרײַן!

בלינדער, זע! פאַרבליבן פון גערודער
וויפל יאָנטעוו ליגט אינמיטן גאַס,
איז ניט נימעס זינגען דײַנע לידער
וועגן סטאַם און וועגן פוסט און וועגן פאס.

בלינדער, קוק! אומעטום, ווי נאָר אַ טיר איז,
ווי דער ראַש האָט נאָר געצייכנט זײַנע טריט
וואַלגערן זיך הייסע קלינגענדיקע שורעס,
רײַסן זיך די שורעס אין אַ ליד.

וויי איז דיר און ווײ צו דײַנע לידער,
האָסט פאַרשלאָפן אונדזער פרייד אינמיטן טאָג.
ניט אַזוינע דאַרפן מײַנע ברידער
אינעם הייסן ווײַטערדיקן יאָג.

הוי, איר, ווײַטע, פֿאַרכאָלעמטע ברידער
אין צעריסענע רעקלעך און שיך.
איך האָב אַף פּלויטן געשריבן מײַנע לידער
וועגן זיך און אַזוינע ווי איך.

איבער בלײַקער ברייט פֿון אוקראַינע
האָט געאָטעמט מײַן ראַשיקער גאַנג,
זײַנען לידער איצט מער שוין ניט מײַנע,
אַלע זינגען מײַן גרויען געזאַנג.

אַלע, אַלע וואָס קאָנען זיך פֿרייען
אין שווערע, און רויכיקע טעג.
אַלע זינגען. איך האָב זיי געזעען
אין סטעפּעס, אין וועלדער, אין וועג.

זינגט-זשע, ווײַטע פֿאַרכאָלעמטע ברידער
אין צעריסענע רעקלעך און שיך,
מײַנע גרויע פֿאַרויכערטע לידער
וועגן זיך און אַזוינע ווי איך.

שטילער, שטילער נעמט מײַן קאָפּ זיך װיגן.
לעשט אַ װײַלע אײַערע הײסע טריט.
אין די אויגן בלאָנקעט שוין אַ ניגון,
אױף די ליפּן שמײכלט שוין אַ ליד.

העכער, העכער, איבער סיטקעס, איבער דירעס,
פרײט זיך, דרײט זיך, שרײַט און פליט!
אין די אויגן טאַנצן דולע שורעס,
אַף די ליפּן ראַנגלט זיך אַ ליד.

ס'האָט מײַן קאָפּ פאַרכאָלעמט זיך אין הײכן
און דאָס לײַב איז זינגענדיק און גליט,
אין די אויגן שװימען רעשטלעך רויכן,
פון די ליפּן פאַלט אַ יונגע ליד.

כ׳האָב ליב זיי, די זילבערנע טריט,
די ווערטער די פעסטע און קלאָרע,
טיטשינע, טשומאַק און סאָסיורע,
— די נײַע אוקראַיִנישע ליד.

כ׳האָב ליב די צעשאָטענע פרייד,
די לויטערע שורעס דערקענען,
פון פרישע געזאַנגען, וואָס זײַנען
בײַ מיר און בײַ אַלע צעזייט.

מיר לויבן דעם אייגענעם ווינט,
מיר האַסן דעם אייגענעם אָוונט,
איין שטאָלענער וועג איז אונדז נאָוונט,
איין לויטערער פאָדעם אונדז בינדט.

דערפאַר ווער איך קיינמאָל ניט מיד
פון ווערטער, פון פעסטע און קלאָרע,
טיטשינע, טשומאַק און סאָסיורע
— די נײַע אוקראַיִנישע ליד.

אין האַרץ מײַנעם שמייכלט און טאָגט,
נאָר ליכטיק איז דאָ נאָך ניט שטענדיק.
גוט, וואָס אין האַרץ מײַנעם טאָגט,
כ׳האָב נאָך מײַן ליד ניט פאַרענדיקט.
כ׳האָב נאָך מיין וואָרט ניט דערזאָגט.—

טרעפט זיך אַמאָל, אַז אַ ווינט
ברענגט מיר אַ גרוס פון מײַן ווינטער.
מיילע, וואָס אַרט מיך דער ווינט ?
ווערן די יאָרן געזונטער,
זײַנען די לידער געזונט.—

דאָרט ווו ס׳איז ליידיק און שווער
טראָגן זיך פריידיקע קלאַנגען.
גיי איך ארום און איך הער,
ווער איך מיט יאָנטעוו באַהאנגען,
דאָרט וואו ס׳איז ליידיק און שווער.

אין לאַנד מיינעם שמייכלט און טאָגט,
נאָר ליכטיק איז דאָ נאָך ניט שטענדיק,

גוט, וואָס אין לאַנד מײנעם טאָגט.
כ׳האָב נאָך מײַן ליד ניט פֿאַרענדיקט,
כ׳האָב נאָך מײַן וואָרט ניט דערזאָגט.

ווערטער ווערן פולער.
איך בין פריש און יונג.
כ'קאָן ניט זינגען שטילער,
שטילער, ווי איך זינג.

כ'הער, ווי ס'קלינגען שלעסער
אף מײַן ברודערס הענט,
ווי מע שאַרפט א מעסער,
הינטער מײַנע ווענט.

אונטער גרויע דעכער
מײַנע הייסע טריט,
אויב ניט זינגען העכער,
איז צו וואָס מײַן ליד?

ווערטער ווערן פולער.
איך בין פריש און יונג.
כ'קאָן ניט זינגען שטילער,
שטילער ווי איך זינג.

דאָרט ווו שווערדן פּאָכן,
דאָרט ווו קוילן טומלען
שווערער אומרו רינט,
אין די גרויסטע וואָכן,
אונטער שווערסטע הימלען
ווער סע זוכט — געפינט!

אויב מע קאָן נאָר יונג זײַן
איז געגוג נאָך זון דאָ,
ווער סע זוכט — געפינט.
אונדזער וועג פאַר בלינדע
זאָל אַזוי שוין גרינג זײַן,
ווי ס׳איז גרינג דער ווינט.

וואָס האָבן די וועכטער
ביז אַ הער באַוויזן?
— היטן אַלט און בלינד.
אויב ס׳איז שווער מיט ווערטער
איז ניט שווער מיט שפּיזן,
ווער סע זוכט — געפינט!

י. דאַוויִשינען געשענקט

איך האָב ניט פאַרלאָרן
אין אַש פון די יאָרן
מײַן שטילן פאַרטאַיעטן בריען.
באַ יאַטן פאַרבליבן
אין הערצער פאַרשריבן,
אַזוי ווי געווען.

מע האָט מיך געוואָרנט:
מע טאָר ניט, מע טאָר ניט,
ווער האָט אַזאַ פראָסטקײַט געהערט.
מע האָט מיך געטריבן,
נאָר איך בין פאַרבליבן
אַף דר׳ערד.

דערפאַר ווערן לידער
פון וועגן ניט מידער
און בלײַבן מיר ליב ווי געווען.
איך האָב ניט פאַרלאָרן
אין אַש פון די יאָרן
מײַן ברען.

איך טו אַ לייען אַ פּושקין צי אַ היינע,
מיר זײַנען אַלע נאָך אַזוינע קליינע.

מיט זון און פרייד איז אָנגעפּולט דער בעכער,
שורעס יונגע זײַנען שאַרפער פון אַ מעסער,
פון וואָס איז הײַנט די נײַע ליד ניט העכער,
פון וואָס איז הײַנט דאָס פּראָסטע וואָרט ניט גרעסער?

נאָר אַלע זײַנען מיר אַזוינע קליינע,
ווען כ'טו אַליין אַ פּושקין צי אַ היינע.

ס'האָט יעדער וואָרט פאַרזוכט פון יענע פלאַמען,
איז יעדער וואָרט הײַנט אומרויִק און זיכער,
נאָר עפּעס בונטעווען די גרינגע גראַמען
און שורעס לויפן אום ווי אין אַ וויכער.

און אַלע זײַנען מיר אַזוי קליינע,
ווען כ'טו אַ לייען אַ פּושקין צי אַ היינע.

נאָר זײַן וועט אונדזער גרויסע ליד נאָך גרעסער,
און קלינגען וועט דאָס הויכע וואָרט נאָך העכער,
ווײַל יעדער שורע איז הײַנט שאַרפער פון אַ מעסער,
ווײַל פריידן פרישע פולן אָן דעם בעכער.

ווײַל קומען מוז אַ פושקין צו אַ היינע
פון קוזניעס רויכיקע, פון דערפעלעך פון קליינע!

פלעגן זײַן אַמאָל
לידער ניט געשריבענע,
מײַסעס אָן אַ צאָל
אַפֿן גאַס פֿאַרבליבענע.

האָט די נאַכט געבליצט,
פלעגן מיידלעך יאָמערן.
ווען מע זאָל כאָטש איצט
לייענען אונדז ווי שאָמערן.

כ׳ווייס: צו יעדער פערז
דאַרף מען נאָך אַ זינגערן,
אונדזער וואָרט איז שווער —
מוז מען עס פֿאַרגרינגערן.

איך בין שטענדיק גרייט
אונדזער וואָרט נאָך לײַטערן,
נאָר פֿון פּראָסטע רייד
גלוסט זיך ניט דערווײַטערן.

איך גיי און גיי,
איך פרעג ניט וואָס און ווען,
ווײַל קלאָר איז מיר דער אויסוועג פון די וועגן,
אַוועק אַ יאָר,
און צוויי,
און דרײַ,
און צען,
און נײַע גייען מיט אָנשטרענג און מיט ברען, —
מיט לידער נײַע,
לויף איך זיי אַנטקעגן.

אַוועק אַ יאָר, און צוויי, און דרײַ, און נאָך,
האָט יעדער יאָר פאַרצייכנט זײַנע לידער,
אין שווערער פרייד פאַרגייט הײַנט יעדע וואָך,
נאָר ס'ווערן טריט פון שווערקײַטן ניט מידער.

איך גיי און זע:
אַף אַש, אַף שטויב, אַף כורוועס
בליט.
ס'איז יעדער קער מיט מונטערקײַט באַהאַנגען,

ס'איז יעדער שפּאַן מיט מי און בלוט
פֿאַרהיט.
און יאָרן גיין מיט גלויבנדיקע טריט, —
איך לויף אַקעגן זיי
מיט זיכערע געזאַנגען.

אינהאַלט

וועגן זיך און אַזוינע ווי איך

די זון האָט זיך טונקל געסמאַלעט 7
איך האָב קיינמאָל ניט געבלאָנדזעט 8
מײַן היים מיט קיין שלאָס ניט פאַרשלאָסן 9
זוכט מיך טאָג אַ שטילער 10
צווישן היים און וועג בין איך 11
געגאַנגען טעג, און נעכט געגאַנגען 12
זיי וואַרטן 13
ווינטער און ווינטער און שניי 15
זײַנען טויערן מיר ניט פאַרשלאָסן 17
גאַסן און גאַסן 18
האַנט צו האַנט און פּלייצע צו פּלייצע 19
דאָס פעלד האָט לאַנג פאַרגעסן 20
באַ באַרגישע טיפן 21
טאָג! 23
שווימען ראַדיאָס מידע 24
שטאָט איז געפאַלן 26
קלינגען אָפּ ווײַטע טעג 27
וועט דער צוג אונדז דען פאַרנעמען 29
האָב איך ליב ווען ווינטעלעך שטעפּן 30
לעם מײַן פענצטער 31

טעג פון פראָסטן ווונדער

אױף צעװאָרפענע װעגן 35
דער שלאַכט האָט זיך געענדיקט 36
אין שטעט און דערפלעך 37
ווען מײַן שאָכן איז געגאַנגען 39
טויטע גויעס אין שינעלן 41
שוואַרצע פעלדער 42
סטאַנציעס פארלוירענע, פעלדער פארפרוירענע 43
הענגען אינדערלופטן 44
אין שטאָט זײַנען שאַרפער די װעגן 45
גרעסער די שטאָט איז גרעסער דער טומל 46
וויפל מענטשן 48
איבער דערפער און שטעט 49
אין שטעט אין כאָרעווע 50
אין אָט-דער צײַט, ווען פעלדער וויאַגען 51
אױף שליאַך פון פאַרגאַנגנען 52
איך געדענק 53
בראָנזענע באַגונצעס 54
מעגן שטענדיקע פרעמדע און פײַנט 55
וואָס איז געבליבן 56
אָ, מאָסקוער ווינט 57
מיר מעלדן 58
ווײַט, ווײַט, אין פאריזש, אין לאָנדאָן 59

אױף פעלדער

ניט קײַן קלעזמער 63
וויל איך ניט שווײַגן 65
ניט דער הימל 66
שווימט אַרום אין ווייצן זאַטער זומער 67
הימלען צעוויגט און צעבויערט 69
אין אָזוינע צעשויבערטע, נאַקעטע טעג 70

אָן אַ פּאַרוועמען, אָן אַ פּאַרוואָס 71
וויגט זיך אַן אַלטער צעבראָכענער פּלויט 72
די וועלט האָט צעטיילט זיך 74
איך בין אויך פון יענע 76
טוט אַ שאָס דאָרט אַ קלונג 77
נאָך נעכט אין פּאַרקויטיקטע צוגן 79
גייען שטילע, באַרויִקטע 80
האַרבסט האָט שוין ווידער צעהאנגען 81

אין קלעם

שוואַרץ זייַנען פעלדער 85
מע האָט מיך געפּאַקט 86
אויסגעשטאָרבן זייַנען מייַנע לעגנן 88
אין שטיינערנעם מויער 89
בעט זיך אַ געלעגער 91
פון יענער זייַט טפיסע 92
אויסגעפּוסטעוועטע שלעפּן זיך אַרום 94
סע ברענט דער וואַלד 95
מיר שלאָפן ניט באַנאַכט 96
אַף טישל ליגט צעפליקט 97
גאַנצפרי איז גרינג 98
אַף שטיינער פון שווייַגן 100
שווער איז זעען 101
ווענט און ווענט 102
דרויסן האָט פאַרכלינעט זיך 103
שוואַרץ זייַנען שנייען 104

עליעס טויט 107

אין אַן אַלטן פּאָוויט 127

יאָסל שינדער 143

אלי — בען 155

יאַטן.

סיביר, אוראַל, קאַלוגע און טריפּאָליע 167
דאָרט באַם גרענעץ 169
שטייט אַ צוג 171
שלאַכט אַף פעלדער 172
וויינט דער וואַלד 173
אַף דעכער אַף הויכע 174
ביַין טעג, ביַין נעכט 176
איבער געסלעך 177
האָבן לאַנג אַף די פעלדער די שלאַכטן געהודעט . . . 178
איבער שטעט און דערפער ווייען שוואַרצע וואָלקנס . 180
אין רויכן פון שענקן 182
שטייען יאַטן 184
אַ בריוו, אַ בריוו 185
ליגט אַ טאָג אַ שנייִקער 186
האָבן סטעפּעס זיך פּלוצלינג צעוויינט 187
שטיפן טעג באַם ראָג 189
האָבן רײַטער געיאָגט 190
היַינטיקע יאַטן פריילעכע יונגען 192
מיר האָבן פאַרלוירן 194
פאַרגעסן טעג 195
אַ שטיין צו א שטיין 197
איך בין ניט דער ערשטער 199

אינדערוואָכן

און בין איך אַפן באַרג 203
ווי קאָן איך פאָדערן אסאַך 204

די גאַנצע וועלט איז מיר געפעלן 213
זינגט אַ קוועלכל 214
דעם נייַעם טאָג 215
צו וואָס איז די שרעק 206
אַ שטאָט איז פאַרשוווּנדן 207
אָט איז דער ראָג 209
איך האָב געזעען א כעוורע 210
איך פריי זיך 211
באַקאַנט איז מיר אין רוסלאַנד יעדער באַן 212
דאָ האָט ניט קיין שטורעם 216
אַף ווערסטן אַף ברייטע 217
אָפּט פאַרנאַכט 218
לאָמיר זינגען 219
אין ווייַסער שייַן פון קאַלטע שטערן 221
מאָסקווע 1) אין קרעמל 222
2) אַ ראַדיאָ צו אַלע 223
3) כ׳האָב קיין וועגן ניט געמאָסטן . . . 224
4) א שטילער און אַ פראָסטער 225

בליענדיקע מיסטן

דאָס שטויביקע שטעטל 229
איך געדענק אים 230
מיר פאָרן 231
און אָט איז דער פלאַץ 232
אָט זע איך זיי ווידער 233
איך גיי איבער געסלעך 234
ווינקען צו מיר געסלעך 236
ס׳איז יעדער שטיבל גרייט פאַר נייַע לידער 237
צווישן סיטקעלעך 238
סטערלינגן, טשערוואָנצעס, רענדלעך 240

פיר ווענט און אַ טיר . . . 241
שאַבעס פאַרנאַכט . . . 243
לויפט ער ווי אַ שאָטן . . . 244
און מיין שאָכן איז נאָך אַלץ אַ בלעכער . . . 245
ווען נאַכט איז צערונען . . . 246
דאָ זייַנען שטיבלעך מיר באַקענט . . . 248
ווינטער, פרילינג, האַרבסט און זומער . . . 249
וויפל, וויפל שטעטלדיקע כוואַליעס . . . 250
קראַנקע ברעטער . . . 251
פון יענער זייַט שטעטל . . . 252
אַ שטעטל — שטאָל און אייַזן . . . 253
נו, איז וואָס . . . 254
הייַנטיקע טעג . . . 256

סבאָפּעס

יונגע כאַלופּקעס . . . 259
טו א קוק אָפן שטיבל . . . 260
וווּ קיינמאָל האָט קיין פוס . . . 261
דאָרט ווו גראָזן זייַנען נאַסער . . . 262
מיט קאָרענער זאַטקייט . . . 263
ס'איז אַ גרויסער יאָנטעוו . . . 264
אַ ייִנגל, אַ פריילעכס . . . 265
טוט די זון אַ וואַרעם . . . 266
שמעקט מיט פאַרנאַכט דער ?רום . . . 267
אין אַן אָוונט . . . 268
אונטער פענדל אונטער רויטן . . . 269
אַ מיטינג פון סבאָפּעס . . . 270
האָט שטיל אַ בלאָז געטון . . . 271
זיצט מען אַלע לעם טיש . . . 272

אונטערוועגנס

מיידלעך מײַנע 275

וועגן באַהאַלטענע 276

אינצווייען I. ס'איז אַ פרײלעכקײַט פאַראַן 277

II. אַט אַזוי 278

III. פאַרלעש דעם טאָג 279

IV. לאָמפּן שמייכלען נאָך 279

V. שווימען שטיל פאַרנאַכטן 280

VI. זע איך דײַן ציטער 281

VII. געסלעך רויטע 282

פרעמדקייט I. פון יענעם הייסן יאָר 283

II. אין אַזאַ אָוונט 284

גאַס I. ווערט מיר אַזוי טרויעריק 286

II. אַלע טאָג 287

III. אַף ברעגן, אַף גרינע 288

IV. אין אַ פינצטערער סיטקע 289

V. ווען איך גיי אַרום באַנאַכט 290

דניעפּרבוי

עלטער ווערן בוימער 295

אַזוי ווי סע בײַטן זיך טעג מיט פאַרנאַכטן 298

שיין איז דער דניעפּר 360

כאַלעמען וועלדער 301

בלאָנקען די שיקורים 302

אונטער בלויע פענצטער 304

אַפּן ברעג דעם אַלטינקן 306

ווילט זיך אַ כאַפּ טון 308

ווען איך זע אַ צעבראָכענעם פלויט 309

צעוואָרפענע שטעטלעך 311
איז געקומען אַ מענטש 312
האָבן טעג אַזוינע 314
פון אוקראַינע שטילע פעלדער 316
איך שטיי אַפן פּלאַץ 318
צי האָט איר געהערט 320
רויִקע בארזשעט 322
פון יענער זײַט טײַך 323
יאָגן הײַנט די כוואַליעס 325
עך, און ווען די כוואַליעס וועלן זיך צעלויפן 327
שווערבנדיקע וואַסערן 329
אין רויִקן ק׳טשקאס 330
אין זומער אין העלן 331
הענט 333
אַ פעלז האָט אַ פעלז 334
קומט אַן אָוונט אַף די ברעגן 335
גלעקער קלינגען 337
הענגט דער הימל 339
ניט אין געסלעך 340
קומען טעג אַף די טײַכן 342
ברעגן דולע און פאַרשײַטע 343
איבער פעלזן האַרבאַטע 344
הונדערטער זאַוואָדן 345
ווו כאַטעס אומעטיקע זינקען 346
איך זיץ איבער בויגנס 348

קלאָרקייט

ס׳איז דאָ אַ ליד 351
מיר איז לאַנג שוין נימעס 353
איך בין אַף די וועגן אַ היימישער 354
לידער, לידער 356

בלינדער, זע! 358
הוי, איר ווײַטע, פֿאַרכאָלעמטע ברידער 359
שטילער, שטילער 360
כ׳האָב ליב זיי 361
אין האַרץ מײַנעם שמייכלט 362
ווערטער ווערן פולער 364
דאָרט ווו שווערדן פּאָכן 665
איך האָב ניט פֿאַרלוירן 366
איך טו אַ לייען 367
פֿלעגן זיי אַמאָל 369
איך גיי און גיי 370